STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02398

# DI ROYBER

Friedrich Schiller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דִי רוֹיבֶּער

א טראַגעדיע אין 4 אַקטען.

פון

## פרידריך שיללער.

בעאַרבײט אין יודיש פון דוד קאַסעל.

פערלאַג פ. קאַנטאראװיטש.

װאַרשא תרע"ב

דרוק „אוניװערסאַל", לעשנא 31.

נאַכדרוק אין דיעזער פאָרם געריכטליך פערבאָטען.

# פערזאנען:

מאקסימיליאן מאָר א רײַכער גראף.

קארל מאָר
פראנץ מאָר
} זײַנע זיהן.

אמאליע פאָן־עדעלרייך זײַן ערציהונגס־טאָכטער.

שווייצאר
שפיגעלבערג
ראלער
נרים
שווארץ
ראצמאן
שופטערלע
קאסינסקי
} פריהער סטודענטען נאָכהער רויבער.

הערמאן א דיענער בײַם אלטען מאָר.

דניאל אנ'אלטער דיענער.

פאסטאר מאָזער

מאָנאך

א באנדע רויבער און אנדערע.

---

РАЗБОЙНИКИ. Соч. Ф. Шиллера.
Тип. „Универсалъ“, Лешно 31.
Варшава, 1912.

# ערשטער אקט.

## ערשטע סצענע.

אין זאַל ביים גראַף מאָר אין שלאָס.

### פראַנץ, דער אלטער מאָר.

**פראַנץ:** פאָטער, זענט איהר געזונד? איהר זעהט אויס בלאַס.

**אַל. מאָר:** נישקשה, מיין זוהן. האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגען?

**פראַנץ:** אָנגעקומען די פּאָסט... אַ בריעף פון אונזער לייפּציגער קאָרעספּאָנדענט.

**אַל. מאָר** (ריהרענדיג): וואָס, אַ גרוס פון מיין זוהן קאַרל'ן?

**פראַנץ:** הם... הם... יאָ. אָבער איך האָב מורא... איך ווייס ניט... צי טאָרף איך עס... אייער געזונד... אין דער'אמת'ן, ווי פיהלט איהר זיך, פאָטער?

**אַל. מאָר:** ווי אַ פיש אין וואַסער. ער שרייבט וועגען קאַרל'ן? וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַר מיין געזונד? שוין דאָס צווייטע מאָל פרעגסטו מיך, צי איך בין געזונד.

**פראַנץ:** אויב איהר זענט קראַנק, אויב אין אייך איז דאָ האָטש אַ פאָרגעפיהל פון אַ קראַנקהייט — דאַן לאָמיר עס איבערלאָזען אויף אַ פאַסיגערער צייט. (פאַר זיך) די דאָזיגע בשורה איז ניט פאַר אַזאַ צובראָכענעם שאַרבען.

**אַל. מאָר:** גאָט! גאָט! וואָס איז דאָס פאָרט פאַר אַ בשורה?

**פראַנץ:** ערלויבט מיר צוערשט שטילערהייד אויס רחמנות בעוויינען מיין פערלאָרענעם ברודער. איך וואָלט, אייגענטליך, בעדאַרפט אייביג שווייגען, ווייל ער איז אייער זוהן; איך וואָלט אויך בעדאַרפט פערדעקען די בושה, ווייל ער איז מיין ברודער, אָבער איך מוז אייך פאָלגען — דאָס איז מיין ערשטע פליכט. און דעריבער זענט מיר מוחל.

**אַל. מאָר:** אָ, קאַרל! קאַרל! ווען דו זאָלסט וויסען, ווי דיין

אויספיהרונג פייניגט דיין פאָטערס הארץ. איין־איינציג פרעהליך ידיעה'לע פון דיר וואָלט דאָך מיר צוגעבען צעהן יאָהר לעבען, איך וואָלט דאָך גאָר יונג געוואָרען. אָבער יעדע שלעכטע נאַכריכט דער־פיהרט מיך נאָר צום קבר.

פראַנץ: אויב אַזוי, טאָ פערבלייבט געזונד: אַניט וואָלטען מיר נאָך היינט אַלע בעדאַרפט זיך רייסען די האָהר איבער דיין קבר (וויל געהן).

אַל. מאָר: פערבלייב. נאָך איין טריט איז דאָך מיר סיי־ווי־סיי געבליבען צום קבר, טאָ זאָל זיין ווי גאָט וויל.

פראַנץ: (נעהמט אַרויס אַ בריעף) איהר קענט דאָך אונזער קאָרעספּאָנדענט. אַ פינגער פון מיין רעכטער האַנד וואָלט איך זיך געלאָזט אָבשניידען, אום איך זאָל איהם קאָנען אָנרופען: ליגנער, געמיינער, גיפטיגער ליגנער! שטאַרקט זיך, פאָטער! איהר וועט מיר מוחל זיין, טאָמער וועל איך אייך נישט געבען דעם בריעף צום לעזען: וואָרום ניט אַלץ דאַרפט איהר וויסען.

אַל. מאָר: אַלץ, אַלץ, לייען! דו וועסט דאָך נישט וועלען מיך פייניגען.

פראַנץ: (לעזט) „לייפּציג, דעם ערשטען מאַי. ווען נישט, ליעבסטער פריינד, מיין וואָרט, וואָס קאָן נישט געבראָכען ווערען, אַז איך זאָל פון דיר נישט פערבאָרגען אַפילו דאָס סאַמע שלעכטע, וואָלט איך וועל זעהן פון דיין ברודער, וואָלט מיין אונשולדיגע פעדער דיר קיינמאָל קיין יסורים נישט פערשאַפט. פון דיינע בריעף קאָן איך זיך נאָר פאָרשטעלען, ווי אַזוי עס ווערט פון אַזוינע ידיעות צוריסען אַ ברודער'ס האַרץ. מיר דאַכט זיך, אַז איך זעה, ווי צוליעב דעם אויסוואורף, צוליעב דעם הולטיי"... (דער אַלטער מאָר פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד) זעהט איהר, פאָטער! איך האָב אייך דערווייל נאָר געלעזען דאָס, וואָס איז צו דערליידען. (לעזט): „...צוליעב דעם הולטיי פערגיסט טרעהרען..." אַך, שטראָמענווייז האָבען זיי זיך געגאָסען פון מיינע אויגען. „איך זעה ווי דיין אַלטער, פרומער פאָטער איז בלאַס, ווי דער טויט"... גאָט! שוין זענט איהר שרעקליך בלאַס געוואָרען, נאָך איידער איהר האָט ערפאַהרען דאָס סאַמע וויכ־טיגסטע?

אַל. מאָר: ווייטער! ווייטער!

פראַנץ: (לעזט) „...בלאַס ווי דער טויט פאַלט ער אויף זיין שטוהל און פערשילט דעם טאָג, ווען ער איז צום ערשטען פאָטער

געוואָרען. נישט אַלץ איז מיר ענטדעקט געוואָרען. און פון דעם ביסעל, וואָס איך וויים, ווערסטו אויך קיין סך נישט וויסען. מיר שיינט, אַז דיין ברודער האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען די גאַנצע בושה. נאָך נידריגערעס פון דעם, וואָס ער האָט געטהין, איז מיר, יעדענפאַלס, אומבעקאַנט. נעכטען, אין מיטען נאַכט, איז ער מיט זיינע זיעבען קאַמעראַדען, וואָס ער האָט אויך אַראָבגעפיהרט פון גלייכען וועג, אַנטלאָפען און איבערגעלאָזט חובות אויף פיערציג טויזענד דוקאַטען". דאָס איז אַ שען ביסעל טאַשען-געלד, פאָטער! „...און געשענדעט די טאָכטער פון איינעם אַ רייכען באַנקיר און שטערבליך פערוואונדעט איהר חתן, אַ שענער יונגערמאַן פון אַ יחוס'דיגער הויכער פאַמיליע". פאָטער! וואָס איז מיט אייך?

אַל. מאָר: ס'איז גענוג. לאָז אָב, מיין זוהן!

פראַנץ: איך שאַנעווע אייך. (לעזט): „שוין פונאַנדערגעשיקט געוואָרען בעפעהלען צו אַרעסטירען איהם. די בעליידיגטע פאָדערען בעפריעדיגונג, פאַר זיין קאָפּ איז אַ פרייז בעשטימט. דער נאָמען מאָר..." ניין, איך וויל נישט דערהרגענען מיט מיינע ליפּען מיין אייגענעם פאָטער. (צורייסט דעם בריעף) גלויבט ניט, פאָטער, אַ ליגען, קיין איין וואָרט זאָלט איהר ניט גלויבען.

אַל. מאָר: אָ מיין נאָמען! (וויינט ביטער) מיין עהרליכען נאָמען!

פראַנץ: קאַרל, אונפערשעמטער קאַרל! האָב איך דען דאָס נישט פאָראויסגעפיהלט נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט זיך יונגעלווייז געיאָגט נאָך מיידלעך, האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט גאַס-קינדער און מיט אַלערליי לאָבוסעס איבער די בערג און פעלדער און אָבגעגעבען דאָס געלד, וואָס ער פלעגט ביי אייך אויסבעטען, אַ ליאַדע בעטלער. אָבער מיר פלעגען אין דערזעלבער צייט זיצען אין דערהיים און לייענען די היילינע ביכער.

אַל. מאָר: אָ, מיינע האָפנונגען! מיינע גאָלדענע חלומות!

פראַנץ: דאָס וויים איך וואויל. איהר האָט שטענדיג געזאָגט, אַז דער פייערדיגער גייסט, וואָס ברענט אין קאַרל'ן, וואָס מאַכט איהם, ער זאָל פיהלען שענקייט, רייץ און גרויסקייט; אָט די אָפענהאַרציגקייט, וואָס לייכט איהם פון די אויגען אַרויס; אָט די ווייכקייט אין פיהלען, וואָס צווינגט איהם צו וויינען ביי די מינדסטע ליידען; אָט דער מוטה, וואָס גיט איהם די מעגליכקייט צו קריכען אויף די שפּיצען פון הונדערט-יעהריגע דעמבען, אַריבערשפּרינגען איבער גריבער, צוימען

און לויפיגע טייכען; אז צוליעב אט די זעלטענע עקשנות מיט די אלע גלענצענדע מעלות, וואס האבען זיך געגעסטיגט אין דעם פאטער'ס ליעבלינג, וועט ער ווען עס איז אויסוואקסען א ווארימער פריינד, אנ'אויסגעצייכענטער בירגער, א העלד, א גרויסער מאן. דער פייער־דיגער גייסט האט זיך ענטוויקעלט, אויסגעברייטערט און הערליכע פרוכטען געבראכט. איהר זעהט נאר, ווי די אפענהארציגקייט איז איבערגעגאנגען אין חוצפה, די ווייכקייט קאן זיך בשלום צוזאמענ־לעבען מיט קאקעטקעס. איהר קוקט נאר, ווי אט דער פייערדיגער גייסט האט אין א זעקס יאהר אויסגעברענט זיינע כחות, אזוי, אז ער איז עהנליך און א מת! איהר קוקט נאר, ווי דער מוטהיגער קאפ, וואס פערשטעהט אנ'אונטערנעהמונג, בעשאפט און פיהרט אויס שרעק־ליכע פלאנען, און וואס וועט נאך זיין, אז ער וועט עלטער ווערען? און אפשר, פאטער, וועט איהר נאך דערלעבען ביז דער שמחה — איהם צו זעהן אין פראנט פון יענער מחנה לייט, וועלכע וואוינט אין די שטילע וועלדער און פערלייכטערט דעם מידען וואנדערער זיין פעקעל. אפשר וועט איהר נאך פאר'ן טויט מאכען א רייזע צו זיין דענקמאל, וואס ער וועט זיך אויפשטעלען צווישען הימעל און ערד! אפשר... פאטער! פאטער! בעזארגט זיך ביי־צייטענס מיט אנ'אנדער נאמען, אניט וועלען קרעמער און גאס־יונגען, וואס האבען געזעהן אין לייפציג אויפ'ן מארק דאס בילד פון אייער זוהן, טייטלען אויף אייך מיט'ן פינגער.

אל. מאר: און אויך, דו מיין זוהן, אויך דו!

פראנץ: זעהט איהר, איך קאן אויך וויציג זיין, אבער מיין וויץ איז גיפטיג. אט דער קאלטער, הילצערנער פראנץ — ווי איהר פלעגט איהם נאך דארטען אנרופען, בעת ער פלעגט זיצען ביי אייך אויפ'ן שויס און צוקען אייך פאר'ן באק — אט דער פראנץ וועט שטארבען, פערפוילט ווערען און פערגעסען ווערען, בעת דער כבוד פון דעם דאזיגען העלד וועט פערקלינגען פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערען. גאט מיינער: אט דער הילצערנער, טרוקענער פראנץ דאנקט דיך אבער דערפאר, וואס ער איז נישט אזוי, ווי יענער.

אל. מאר: זיי מיר מוחל, זוהן מיינער! צארן ניט אויף דיין אלטען פאטער, וועלכער האט זיך גענארט אין זיינע האפנונגען. גאט, וואס האט מיר געשיקט טרעהרען דורך קארל'ן, וועט זיי מיר אבווישען דורך דיר, מיין פראנץ.

פראנץ: יא, פאטער. ער מוז זיי אבווישען פון אייערע אויגען.

אײַער פראַנץ װעט זײַן לעבען אָפּפערן, אום אײַערם צו פערלענגערען. גלױבט איהר מיר דאָס?

אַל. מאָר: דו האָסט נאָך גרױסע פליכטען אױף זיך, מײַן זוהן. גאָט זאָל דיך בענשען דערפאַר, װאָס דו ביזט מיר געװען און װאָס דו װעסט מיר נאָך זײַן.

פראַנץ: איצט זאָגט מיר, פאָטער, װען דער קאַרל זאָל ניט טראָגען אײַער נאָמען, װאָלט איהר ניט געװען גליקליך?

אַל. מאָר: שװײַג, שװײַג! װען ער איז געבױרען געװאָרען און מען האָט מיר איהם צוגעטראָגען, האָב איך איהם אױפגעהױבען אױף מײַנע הענד און אױסגעשריען: בין איך דען ניט אַ גליקליכער?

פראַנץ: איהר האָט עס געזאָגט, נו, איז עס אָבער מקוים געװאָרען? איהר זענט דאָך מקנא דעם ערגסטען פון אײַערע פױערים, װאָס יענער איז נישט דער פאָטער פון אַזאַ זוהן. און אַזױ לאַנג עס װעט לעבען קאַרל, אַזױ לאַנג װעט זיך ציהען אײַער צער. אָט דער צער װעט װאַקסען צוזאַמען מיט קאַרל'ן. אָט דער צער װעט אַרונטערהאַקען אײַער לעבען.

אַל. מאָר: אָ, דער צער האָט מיך שױן געמאַכט פאַר אַן אַכציג-יעהריגען זקן.

פראַנץ: נו, װען איהר זאָלט זיך אָבזאָגען פון אַזאַ זוהן?

אַל. מאָר: (הײס) פראַנץ! פראַנץ! װאָס רעדסטו?

פראַנץ: פערשאַפט אײַך דען נישט די ליעבע צו איהם אָט די אַלע אַנגסטען? אָהן דער דאָזיגער פערברעכערישער, פערשאָלטענער ליעבע װאָלט ער דאָך פאַר אײַך גאָר נישט עקזיסטירט. ער װאָלט פאַר אײַך געװען געשטאָרבען.

אַל. מאָר: דו װילסט, איך זאָל מײַן זוהן פערשילטען?

פראַנץ: ניין! ניין! איהר דאַרפט איהם ניט פערשילטען... אָבער װאָס פאַר אַ װערטה האָט איהר בײַ אײַער זוהן, װעלכען איהר האָט געשענקט דאָס לעבען, בעת ער סטאַרעט זיך אײַער לעבען צו פערקירצען!

אַל. מאָר: דאָס איז שױן צופיעל ריכטיג. מיט דעם משפט מיך גאָט. אַזױ האָט גאָט געװאָלט.

פראַנץ: זעהט איהר, װי פײַן אײַער ליעבלינג איז זיך מיט אײַך בעגאַנגען! מיט אײַער הײסער פאָטערליכער האַלטונג שטיקט ער אײַך, מיט אײַער ליעבע גופא דערשלאָגט ער אײַך, ער האָט פערנאַרט אײַער פאָטערליך האַרץ — אײַער סוף זאָל גיכער קומען.

נאָך אייער טויט וועט ער ווערען אייער יורש, און ער וועט טהון, וואָס ער וועט וועלען. איהר שטעלט זיך נאָר פאָר אויף זיין אָרט! ווי אַפּט דאַרף ער בעטען דעם טויט אויפ'ן פאָטער, ברודער, וואָס שטעהען איהם אַזוי אונערבאַרמדיג אין וועג און ער קאָן זיין תאוה נישט שטילען. צי דען איז עס ליעבע פאַר ליעבע? צי דען איז דאָס קינדערשע דאַנקבאַרקייט פאַר פאָטערליכע צערטליכקייט. ווען ער קאָן מקריב זיין מיט גאַנצע צעהן יאָהר פון אייער לעבען פאַר איין תאוה'דיגע רגע, ווען ער קאָן שטעלען אין קאָן פאַר אַזאַ רגע דעם כבוד פון זיינע עלטערן, וואָס איז גאַנצע זיעבען־הונדערט יאָהר אומבעפלעקט! אָט אַזאַ ווערטה האָט איהר ביי אייער זוהן! ענטפערט! האָט איהר ביי איהם עפּעס אַ ווערטה?

אַל. מאָר: אַ שלעכט קינד, אָבער דאָך מיין זוהן.

פראַנץ: אַ ליעבהאַרציג קינד, וואָס שטרעבט נאָר שטענדיג צו דעם, ער זאָל קיין פאָטער נישט האָבען. אָ, ווען איהר וואָלט געקאָנט בעגרייפען, ווען אייך וואָלט קלאָר געוואָרען פאַר די אויגען! איהר וועט געוויס אַראָבנעהמען די קללה פון זיין קאָפּ, אָבער אויף אייך, פאָטער, אויף אייך גופא וועט פאַלען די האָזיגע קללה.

אַל. מאָר: איך וועל איהם שרייבען, אַז איך האָב מיינע הענד אָבגעוועגדט פון איהם.

פראַנץ: איהר וועט זעהר רעכט און קלוג טהון.

אַל. מאָר: אַז ער זאָל זיך מיר קיינמאָל אויף די אויגען נישט ווייזען.

פראַנץ: דאָס וועט זעהר גוט ווירקען.

אַל. מאָר: (צערטליך) ביז ער וועט זיך ניט פערבעסערן.

פראַנץ: זעהר שען. ווי איז אָבער, אַז ער וועט קומען צו אייך אַ פערמאַסקירטער, אַ גוטינקער, וועט אויסוויינען ביי אייך מיטלייד, אויסבעטען פערצייהונג, און צום מאָרגענ'ס וועט ער מאַכען חוזק איבער אייער שוואַכקייט אין די אָרעמס פון זיין געליעבטער? ניין, פאָטער, ער וועט קומען אַליין, ווען זיין געוויסען וועט זיין ריין.

אַל. מאָר: אויב אַזוי — וועל איך איהם טאַקע שוין אָנ־שרייבען.

פראַנץ: וואַרט! נאָך איין וואָרט, פאָטער, איהר זענט ביין און איך האָב מורא, אַז ביי אייך וועט אַרויסקומען צו־האַרב דער בריעף, וואָס וועט איהם דאָס האַרץ צובּרעכען. ווידער וועט ער

שוין דעם בריעף גופא, וואָס איז געשריבען מיט אייער אייגענער האַנד, אַנגעדמען פאַר אַ מין מחילה. עס וועט דעריבער זיין גלייכער, אז איך זאָל איהם אָנשרייבען.

אַל. מאָר: טהו עס, זוהן מיינער. אַך! אָבער דאָך וואָלט עס מיר דאָס האַרץ צובראָכען! שרייב איהם...

פראַנץ: (געשווינד) אַלזאָ, בעשלאָסען?

אַל. מאָר: שרייב איהם, אַז אַ סך בלוטיגע טרעהרען זענען פערגאָסען געוואָרען, אַ סך שלאָפלאָזע נעכט... אָבער ברענג איהם נישט אַריין אין פערצווייפלונג.

פראַנץ: פאָטער, אפשר וועט איהר זיך צו־לעגען אויסרוהען. איהר זענט דאָך אַזוי מיעד.

אַל. מאָר: (הויבט זיך אויף) שרייב איהם, אַז דאָס פאָטערליכע האַרץ... און נאָכאַמאָל זאָג איך דיר: ברענג איהם נישט צו פערצווייפלונג. (טרויעריג אָב).

פראַנץ: (קוקט איהם נאָך מיט געלעכטער) טרייסט זיך, אַלטער! וועסט איהם שוין קיינמאָל צו דיין ברוסט נ.ט צו־דריקען. דער וועג דערצו איז פערשטעלט, ווי דעם רשע דער גן־עדן. ער איז שוין געוועזען פון דיין אָרעם אַרויסגעריסען, איידער נאָך דו האָסט געוואוסט, אַז דו וועסט עס אַליין וועלען. איך וואָלט זיין אַ גרויסער נאַר, ווען איך זאָל נישט קאָנען אַרויסרייסען דעם זוהן פון פאָטער'ס האַרץ, אפילו ווען ער איז צו איהם צוגעבונדען מיט אייזערנע קייטען. איך האָב דיך אַרומגערינגעלט, אַלטער, מיט אַ פערשאָלטענעם און פער'כשופ'טען קרייז, וועלכען דיין קאַרל וועט שוין קיינמאָל נישט איבערשפרייזען. דאָס איז אַ גליק, פראַנץ! דער ליעבלינג איז שוין ניטאָ, עס ווערט העלער! מען דאַרף אָבער צוזאַמענקלייבען די שטיקלעך בריעף. מען קאָן אַזוי לייכט דערקענען מיין האַנדשריפט! (קלויבט אויף די שטיקלעך פון צוריסענעם בריעף) דאָס אומגליק וועט אין גיכען דערשלאָגען דעם אַלטען. אויך פון איהר האַרץ מוז איך אַרויסרייסען קאַרל'ן, ווען עס זאָל איהר אפילו קאָסטען אַ האַלב לעבען. (פויזע) איך מעג זיין פאָלקאָם אונצופריעדען מיט דער נאַטור און איך שווער מיר צו, אַז איך וועל זיך בענוצען מיט דעם. פאַרוואָס בין איך ניט געבוירען געוואָרען דער ערשטער? פאַרוואָס האָט מיך די נאַטור בעשאַפען מיט אַזאַ העסליכען געזיכט? פאַרוואָס גראַדע מיך? נישט אַנדערש, אַז ביים בעשאַפען מיך, האָט די נאַטור צונויפגעקליבען אַלע רעשטלעך. פאַרוואָס גראַדע מיר אָט

די לאַפּלאַנדישע נאָז, אָט די נעגערישע ליפּען, אָט די האָטענטאָטען־אויגען? חלעבען, מיר שיינט, אַז די נאַטור האָט ביי אַלע פעלקער צונויפגעקליבען דאָס סאַמע עקעלהאַפטסטע און האָט פון דעם געמיש מיך אויסגעבאַקען! מאָרד און טויט! ווער האָט עס איהר געגעבען דאָס רעכט יענעם מיט אַלץ צו בעטיילען און פון מיר אַלץ אַוועקצורויבען? ניין! איך בין אומגערעכט געגען איהר! די נאַטור האָט דאָך אונז אַלעמען בעטיילט מיט ערפינדונגס־קראַפט און האָט אונז אַוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג פון גרויסען לעבענס־ים. שווים! ווער עס קאָן! אָבער ווער עס איז צו־שווער, דער מוז דערטרונקען ווערען. זי האָט מיר גאָרנישט געגעבען. איך קאָן זיין, וואָס איך וויל. יעדער האָט גלייך רעכט אויף קליינעס, אויף גרויסעס. רעכט ווערט צושלאָגען אָן רעכט, שטרעבונג אָן שטרעבונג, קראַפט אָן קראַפט. אַנ'עהרליכער נאָמען! — דאָס איז, חלעבען, אַ טייערע מטבע, מיט וועלכער מען קאָן מאַכען גאָלדענע געשעפטען, אַז מען זאָל וויסען ווי אויסצוברענגען זי. געוויסען! אָ, יאָ, געוויס! דערמיט קאָן מען מייסטערליך פויגלען אָבשרעקען. דאָס איז אויך אַ גוטער וועקסעל, מיט וועלכען מען קאָן זיך אין אַ נויט בענוצען אין אַ באַנקראָט. אין גרונד זענען דאָס גרויסאַרטיגע מיטלען, מיט וועלכע מען קאָן צווינגען נאַראָנים אָבצוגעבען דיר כבוד און האַלטען דעם פּשוט'ן המון אונטער'ן פּאַנטאָפעל, כדי קלוגע מענשען זאָלען זיין פרייער אין זייערע מעשים. איך האָב זיך אָנגעהערט אַ סך נאַרישע ווערטער וועגען קרבה'שאַפט, בלוט־ליבע. די דאָזיגע ווערטער קאָנען פערדרעהען אַ קאָפּ אַנ'אָנשטענדיגען מענשען. דאָס איז דיין ברודער! בעסער געזאָגט: ער איז אויסגעבאַקען אין דעמזעלבען אויווען, וואָס דו, און דעריבער האָרף ער פאַר דיר זיין הייליג. נאָר ווייטער: דאָס איז דיין פאָטער! ער האָט דיר געגעבען לעבען, דו ביזט זיין פלייש, זיין בלוט — טאָ זאָל ער זיין פאַר דיר הייליג! איך וואָלט איהם נאָר געוואָלט פרעגען, צו וואָס האָט ער מיך בעשאַפען? יעדענפאַלס, נישט אוים ליבע צו מיר האָט ער מיך בעשאַפען! האָט ער מיך דען געקענט פריהער, אידער ער האָט מיך בעשאַפען? האָט ער דען געטראַכט וועגען מיר, בעת ער האָט מיך בעשאַפען? האָט ער דען מיך בעגעהרט? האָט ער דען געוואוסט, וואָס איך וועל זיין? איך וואָלט עס דאָך איהם נישט געראַטען, און איצט וואָלט איך איהם געקאָנט בעשטראָפען דערפאַר, וואָס ער האָט מיך בעשאַפען! קאָן איך איהם דען דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס איך

בין בעשאפען געוואָרען אַ מאַנסביל? פונקט אַזוי ווענִיג, ווי איך האָלט בעשאַפען געוואָרען אַ פרוי! טאָ וואו איז דאָ די הייליגקייט? אפשר אין דעם אַקט גופא, צוליעב וועלכען איך בין געקומען אויף גאָט'ס וועלט? איז עס אָבער נישט געוועזן דען דער בהמה'שער פראָצעס, אום צו שטילען די בהמה'שע תאוות? דאַרף איך איהם דען דאַנקבאַר זיין, פאַרוואָס ער האָט מיך ליעב? דאָס איז אַ מין גאווה ביי איהם, ווי די ליעבע ביי אַלע קינסטלער צו זייער ווערק, איבער וועלכען זיי צושמעלצען זיך פון נחת, מעג דאָס ווערק זיין ווי העסליך! אָט דאָס זענען זיי — די גרויסע מעלות אייערע, וועלכע איהר האָט פערשלייערט אין אַ הייליגען נעבעל, כדי אָבצושרעקען אונז. זאָל איך מיך אָבער אויך לאָזען פערפיהרען דורכדעם, ווי אַ יונגעלע? אַלזאָ, דרייסט צו דער אַרבייט! איך וועל אויסראָטען אַלץ אַרום מיר, וואָס וועט מיר נאָר שטערען צו ווערען אַ הערשער. איך מוז זיין אַ הערשער, און דאָס, וואָס איך האָב נישט געקאָנט נעהמען מיט גוטען, וועל איך נעהמען מיט געוואַלט. (אָב).

---

## צווייטע סצענע.

אַ שענק ביי דער זאַכסישער גרענעץ. קאַראָל מאָר פערטיעפט אין אַ בוך. שפיגעלבערג טרינגט ביים טיש.

מאָר (לעגט אַוועק דאָס בוך): מיר עקעלט פון דער היינטיגער וועלט, ווען איך לעז אין מיין פלוטאַרך פון גרויסע מענשען.

שפיגעלבערג (שטעלט אַוועק פאַר איהם אַ גלאָז און טרינקט). דו לעז יוסף'ן.

מאָר: דאָס העלע ליכט פון פראָמעטיי איז פערלאָשען געוואָרען. אָנשטאָט דעם בענוצט מען זיך איצט מיט בענגאַלישען פייער, מיט וועלכען מען קאָן אַפילו קיין ליולקע טאַבאַק נישט פערריכערן.

שפיגעלבערג: איך בעט דיך, לייען יוסף'ן.

מאָר: פוי! פוי! אָט דער שוואַכער דור פון קאַסטראַטען טויג שוין מעהר צו גאָרנישט. ער קאָן נאָר איבערלעבען די מעשים פון אַמאָליגע צייטען, פייניגען די אַמאָליגע העלדען מיט קאָמענטאַריעס און קאַליע מאַכען זיי אין די טראַגעדיעס. די קראַפט זיינע איז בטל געוואָרען, און כדי די מענשהייט זאָל ווייטער וואַקסען, מוז מען

זי צו-העלפען מיט ביער-היווען.

**שפיגעלבערג:** טהיי, ברודער, טהיי!

**מאר:** דעם וועג צו דער געזונטער נאטור האבען זיי פער-צוימט מיט נארישע כללים, האבען קיין הארץ נישט מיט אמאל אויסצולעדיגען א גלאז וויין, ווייל דערצו מוז מען פריהער זאגען א טאסט. זיי חנפה'נען דעם לאקיי, וועלכער קאן אמאל פערווארפען וועגען זיי א שלעכט ווערטעל פאר זיין בעל-הבית און טרעטען איבער דעם אומגליקליכען, פאר וועלכען זיי האבען קיין מורא נישט. זיי פאלען אין חלשות, אז זיי דערזעהען בלוט פון א גאנז און פאטשען מיט די הענד פון שמחה, ווען זייער קאנקורענט האט באנקראטירט אויף דער בערזע... איך האב זיי אזוי היים געדריקט די האנד... „האטש נאך איין טאג"... אומזיסט... „אין אסטראג ארייַן דעם הונד!" געבעטען, געשווארען, טרעהרען... (טופעט מיט די פיס). גיהנם און טייוועל!

**שפיגעלבערג:** צוליעב אט די עטליכע טויזענד דוקאטען?

**מאר:** איך האב גאר נישט געקאנט טראכטען וועגען דעם. זאל איך איינציהען מיין לייב מיט א שטריקעל און איינצוימען מיינע פערלאנגען אין געזעצען! דאס געזעץ האט געמאכט לאנגזאם געהן דאס, וואס האט פריהער געקאנט פליהען ווי אנ'אדלער.

**שפיגעלבערג** (אויפשפרינגענדיג): בראווא! בראווא! דו צווינגסט מיך, אז איך זאל זיך פערטראכטען... איך וויל דיר עפעס אזוינס זאגען, מאר, וואס איך האב שוין לאנג פערטראכט. און דו ביזט טאקע דער מענש, וועלכען איך קאן עס ענטדעקען. הארך-זשע, לאמיר ווערען יודען און אויסבויען צוריק זייער מלוכה. אבער זאג, איז דאס נישט א קלוגער און א וואוילער פלאן? מיר שיקען ארויס א מאניפעסט אין אלע פיער עקען וועלט און רופען צונויף קיין פאלעסטינע די אלע, וואס עסען קיין חזיר נישט. איך וועל מיט דאקומענטען בעווייזען, אז מיינע אבות שטאמען פון הורדוס'ן, און אזוי ווייטער. אט וואלט עס געווען א נצחון, אז זיי וואלטען דאס געקאנט איינעמען ירושלים! ווען דאס אייזען איז נאךווארם, טרייבען מיר ארויס די טערקען פון אזיען, האקען אויס טענענבוימער אויפ'ן לבנון, בויען שיפען און בעהערשען דאס גאנצע פאלק. דערנאך...

**מאר** (נעהמט איהם לאכענדיג ביי דער האנד): קאמעראד, הער אויף צו ריידען נארישקייטען.

שפּיעגעלבערג: אַ ראָל פון אַ שלים-מזל ווילסטו דאָך נישט שפּילען. דו, וואָס מיט דיין שווערד האָסטו צוקריצט מענשליכע פּנים'ער מעהר, ווי דריי קאַנצעליאַריסטען האָבען פאַר אַ גאַנץ יאָהר פערשריבען אין ביכער!

שווייצער, גרים, ראָלער, שופטערלע, ראַצמאַן— קומען אריין.

ראָלער: ווייסט איהר, אַז מען זוכט אונז?

גרים: מען קאָן אונז יעדע רגע חאַפּען.

מאָר: מיך אַרט עס נישט. זאָל מען טהון, וואָס מען וויל. צי האָט איהר נישט געזעהן שוואַרצ'ן? צי האָט ער אייך נישט געזאָגט, אַז ער האָט אַ בריעף פאַר מיר?

ראָלער: ער זוכט דיך שוין פון לאַנג. אפנים, אַז יאָ.

מאָר: וואו איז ער, וואו? וואו? (וויל אַוועקלויפען).

ראָלער: וואַרט! מיר האָבען איהם גערופען אַהער! דו ציטערסט?

מאָר: איך ציטער נישט. צו וואָס זאָל איך מורא האָבען? קאַמעראַדען! אָט דער בריעף... פרעהט אייך מיט מיר! איך בין דער גליקליכסטער אונטער דער זון! פאַרוואָס זאָל איך ציטערן?

שוואַרץ קומט אריין.

מאָר: (לויפט איהם אַנטקעגען): ברודער! ברודער! דער בריעף!

שוואַרץ (גיט איבער מאָר'ן דעם בריעף, וועלכען יענער רייסט געשווינד פונאַנדער): וואָס איז מיט דיר? ביזט שרעקליך בלאַס געוואָרען.

מאָר: מיין ברודערס האַנדשריפט.

שוואַרץ: וואָס טהוט עס שפּיעגעלבערג?

גרים: ער איז משוגע און מאַכט אַזוינע זשעסטען, פונקט ווי ער וואָלט געווען אין אַ היץ-קרענק.

שופטערלע: ביי איהם איז צודרעהט דער מח: איך מיין, אַז ער שרייבט ליעדער.

ראַצמאַן: שפּיעגעלבערג, העי, שפּיעגעלבערג! הערט נישט!

גרים (טרייסעלט איהם): דו שלאָפסט, אָדער...

שפּיעגעלבערג (וואָס האָט די גאַנצע צייט, שטעהענדיג אין ווינקעל, זשעסטיקולירט, שפּרינגט ווילד אויף). געלד אָדער

לעבען! (האפט אין דערזעלבער צייט שווייצער'ן פאר'ן האלז; יענער שליידערט איהם אב צו דער געגענאיבערדיגער וואנד. מאר ווארפט אוועק דעם בריעף און לויפט ארויס. אלע שפרינגען אויף פון די ערטער).

ראלער (הויבט אויף דעם בריעף און לעזט): „אומגליק־ליכער ברודער!“ דער אנהויב קלינגט נישקשה. „איך דארף דיר אין קורצען מודיע זיין, אז דו האסט זיך גענארט אין דיינע האפ־נונגען. קאנסט געהן אהין, הייסט דיר איבערגעבען דער פאטער, וואו מען קען דיך מיט דיינע שענע מעשים. דו זאלסט קיינמאל, זאגט ער, נישט האפען אויף זיין מחילה, סיידען דו ווערסט מרוצה ווערען צו לעבען אין די קעלערן פון זיין שלאס, עסען ברויט מיט וואסער און האהר און נעגעל וועלען ביי דיר אויסוואקסען, ווי ביי א ווילדער חיה. דאס זענען זיינע איגענע ווערטער. ער לאזט מיר מעהר נישט שרייבען. לעב איביג וואויל. איך בעדויער דיך... פראנץ פאן־מאר“.

שווייצער: א ליעב ברודעריל, חלעבען! פראנץ הייסט די קאנאליע?

שפיגעלבערג (געהט לאנגזאם הין־און־צוריק): פון וואסער און ברויט ווערט דא גערעדט? א שען לעבען! איך האב אבער עפעס אנדערש געמיינט פאר אייך. איך האב אייך אלעמען געוואלט פערזארגען.

שווייצער: וואס רעדט דער איזעל? ער וויל דאס אונז אלעמען בעזארגען?

שפיגעלבערג: איהר זענט אלע האזען, קאליקעס און הינקענדיגע הינד, אויב איהר האט קיין מוטה נישט צו וואגען אויף עפעס גרויסעס.

ראלער: דו ביזט גערעכט! צי וועט אונז אבער דיין פלאן ארויסראטעווען פון אט דער פערשאלטענער לאגע?

שפיגעלבערג (מיט שטאלצען געלעכטער): שלים־מזל! ארויסראטעווען פון אט דער לאגע? חא־חא־חא! און אויף מעהר קאנסטו גאר נישט רעכענען? שפיגעלבערג וואלט געוועזן א גאר־נישט, ווען ער וואלט בלייבען צופרידען בלויז דערמיט אליין. מיין פלאן וועט אייך מאכען פאר העלדען, פאר פרייע מענשען, פאר פירשטען!

ראצמאן: חלעבען, דאס איז צופיעל פאר איין מאל! מסתמא

װעט דאָס זײַן אַזאַ אַרבײַט, װאָס מען װעט דאַרפֿען ברעכען האַלז-און-אַקען. מיט דעם קאָפּ װעט מען זיך אַודאַי בעצאָהלען!

שפּיגעלבערג: מעהר דאַרף מען נישט, װי מוטה. װאָרום װאָס צו טהון װעל איך שוין װײַזען. מוטה, זאָג איך, שװײַצער! מוטה, ראַצמאַן, ראָלער, גרים, שופּטערלע! מוטה!

שװײַצער: מוטה? װען נאָר בלויז דאָס אַלײן? מוטה האָב איך גענוג — אַפילו אַ באָרפֿעסער דורכצוגעהן דעם גיהנום!

שפּיגעלבערג: אַלזאָ (שטעלט זיך צװישען זײ און זאָגט אַרוים הויך), אויב אין אײַערע אָדערן רינט חאָטש אײן טראָפּעלע דײַטשיש העלדיש בלוט — טאָ קומט! לאָמיר געהן אין װאַלד אַרײַן, לאָמיר דאָרט מאַכען אַ רויבער-באַנדע!... װאָס קוקט איהר אויף מיר? שוין זענט איהר אָהן מוטה געבליבען?

ראָלער: ביזט נישט דער ערשטער זשוליק, װאָס האָט פֿערגעסען אָן דער תליה... נאָר פֿונדעסטװעגען װאָס האָבען מיר נאָך אויסצוקלויבען?

שפּיגעלבערג: איהר האָט נישט פֿון װאָס אויסצוקלײַבען. איהר װילט, אַפּנים, מען זאָל אײַך אַרײַנזעצען אין טורמע? איהר װילט, מען זאָל אײַך פֿערמוטשען, איהר זאָלט אַרבײַטען מיט'ן ביטערן גאַל פֿאַר אַ טרוקען שטיקעל ברויט? אָדער בעטלען נדבות אונטער די פֿענסטער מיט אַ נעבעכדיגען קול? אָדער אפשר אויף קאַטאָרגע װילט איהר געהן און שלעפּען אויף זיך די גאַנצע אײַזען-קראָם פֿון װאולקאַן? זעהט איהר, פֿון דעם אַלעם קאָנט איהר אויסקלויבען!

ראָלער: שפּיגעלבערג איז נישט אינגאַנצען אומגערעכט. איך האָב אויך אויסגעאַרבײַט אַ פּלאַן און ער איז ענהליך צו זײַנעם.

שװײַצער (שטעהט אויף און דערלאַנגט שפּיגעלבערג'ן די האַנד): מאָריץ! אַ גרויסער מאַן ביזטו!

שװאַרץ: גאָלדענע פּלאַנען! יושר'דיגע אונטערנעהמונגען! אַבער װי גרויסע נשמות סימפּאַטיזירען אײַנע מיט די צװײַטע!

שפּיגעלבערג: שפּאַסען! שפּאַסען! װאָס שטערט אײַך צו װערען דאָס, װאָס איהר װילט? מײַן פּלאַן װעט אײַך שטעלען הויך און װעט אײַך, אויסער אַלץ, געבען רוהם און אונשטערבליכקײַט! עך, אָרימע נפֿשות'ליך! מען דאַרף דאָך אַמאָל אַ טראַכט טהון פֿון רוהם און אונשטערבליכקײַט!

ראָלער: און זײַן די ערשטע פֿערשריבען אין דעם צעטעל

פון אָרענטליכע לייט. דו קאָנסט זעהר שען ריידען, שפּיגעלבערג, ווען דו ווילסט אַראָבפיהרען פון וועג אַן אָרענטליכען מענשען! אָבער זאָגט מיר, וואו איז מאַר פערפאַלען געוואָרען? אויב ער וועט נישט צושטעהן צו אונז, וועט אונזער גאַנצער פּראָיעקט פּלאַצען. אָהן מאַר'ן זענען מיר, ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה.

שפּיגעלבערג (קעהרט זיך אָב פון אידם): שוטה!

מאָר (קומט=אַריין אַן'אויפגערעגטער און לאָזט זיך געשווינד געהן אויף און אָב): מענשען! מענשען! פאַלשע, געמיינע, אויס־נאַרער! וואַסער איז זייערע אויגען, אייזען — זייער האַרץ! אויף די ליפּען טראָגען זיי קושען און אין האַרצען — אַ שווערד! לייבען און לעמפּערטען שפּייזען זייערע קינדער, קראָהען ברענגען שפּייַז פאַר זייער קליינוואַרג — און ער! און ער! איך האָב געדולדיג געקאָנט מיין כעס שטילען און מיט געלעכטער האָב איך געקאָנט קוקען אויף מיין שונא, וואָס האָט געטרונקען דאָס בלוט פון מיין האַרצען — אָבער בעת אַ לייבליכער ברודער ווערט דיר פאַלש, ווען פאָטער=ליעבע געהט אונטער — אָ, דעמאָלט זאָל אַ פייער צו־שטערען מיין מאַנסבילשע געלאַסענקייט, אין אַ טיגער ווער פער־וואַנדעלט און פערדאַרב אַלץ, וואָס דו טרעפסט=אָן אויפ'ן וועג!

ראָלער: האָרך=נאָר, מאָר! איז דאָס לעבען פון רויבער נישט בעסער, איידער צו לעבען אין אַ קעלער אויף ברויט און וואַסער?

מאָר: פאַרוואָס איז אָט די נשמה נישט אינ'ם גוף פון אַ טיגער, וואָס שטעכט אַריין זיינע שאַרפע ציינער אין מענשענס פליייש? אָט דאָס איז פאָטערליכע צערטליכקייט? אָט דאָס איז ליעבע פאַר ליעבע? אָ, ווען איך בין אַ בער און וואָלט געקאָנט מיט די צפון־בערען אַרויפוואַרפען זיך אויף דעם דאָזיגען רויבער=פאָלק!

ראָלער: האָרך=נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגען!

מאָר: דאָס איז עפּעס אומגלויבליך, דאָס איז אַ חלום! אַ טעות! אַזאַ ריהרענדע ביטע, אַזוי לעבעדיג פאָרגעשטעלט דאָס אומ־גליק און פון גאַנצען האַרצען אַרויסבעוויזען חרטה, — אַ ווילדע חיה וואָלט דאָך צוגאַנגען פון מיטלייד! שטיינער וואָלטען געוויינט! אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט אַרויסרופען צו אַן'אויפשטאַנד די גאַנצע נאַטור, נעהמען אין שטרייט געגען דעם פערשאָלטענעם מענשען־פאָלק — לופט, ערד און ים'ען!...

גרים: אָבער הער=זשע! הער=זשע! פון משוגעת ביזטו טויב געוואָרען!

מאָר: אַוועק, אַוועק פון מיר! ציַ דען ביזטו קיין מענש נישט? האָט דיך דען נישט געבוירען אַ פרוי? אַוועק פון מיינע אויגען מיט דיין מענשליכער געשטאַלט? איך האָב איהם אַזוי ליעב געהאַט! קיין איין זוהן האָט נאָך אַזוי נישט געליעבט! טויזענד לעבענס וואָלט איך פאַר איהם אָבגעגעבען... (טופּעט מיט'ן פיס) אָ, ווער עס וועט מיר זאָגען ווי אַזוי צו טרעפען אין סאַמע האַרץ פון זייער לעבען, צוטרעטען זיי, פערניכטען זיי! — דער וועט מיר זיין אַ פריינד, אַ מלאך, אַ גאָט! אויף די קניה וועל איך שטעהן און בעטען ביי איהם וועגען דעם!

ראָלער: ווילען מיר דאָך טאַקע זיין אַזוינע פריינד! לאָז נאָר אויסריידען אַ וואָרט!

שוואַרץ: קום מיט אונז אין בעהמער וואַלד! מיר ווילען אויפזאַמלען אַ חברה רויבער, און דו...

(מאָר קוקט איהם ווילד אָן).

שווייצער: דו וועסט זיין אונזער הויפּטמאַן! דו מוזט זיין אונזער הויפּטמאַן!

שפּיגעלבערג: (גיט זיך ווילד אַ וואָרף אויפ'ן שטוהל): שקלאַפען און פּחדנים!

מאָר: ווער האָט עס דיר אונטערגעזאָגט דאָס דאָזיגע וואָרט? האָרך, חבר! (נעהמט איהם פעסט פאַר'ן אַקסעל) דער געדאַנק איז דיר אַוודאי געקומען נישט פון אַ מענשליכער נשמה! יאָ, לאָמיר ווערען רויבער! מיר מוזען ווערען רויבער! דעם געדאַנק מעג מען ממש פערגעטערען! רויבער און מערדער! איך שווער אייך ביי מיין לעבען, אַז איך ווער אייער הויפּטמאַן!

אַלע (מיט ליאַרם און געשריי): עס זאָל לעבען אונזער הויפּט-מאַן!

שפּיגעלבערג (אויפשפּרינגענדיג, פאַר זיך): ביז איך וועל איהם אומברענגען!

מאָר: פונקט ווי מיר וואָלט מיט אַמאָל ליכטיג געוואָרען אין די אויגען: וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געוועזן, אַז איך האָב מיך געוואָלט צוריקקעהרען אין שטייג אַריין! מיין גייסט דורשט נאָך טהאַטען, מיין אָטעם — פרייהייט! רויבער, מערדער! אָט מיט די ווערטער ווערט דאָס געזעץ אונטער מיינע פיס געטראָטען! מענשען האָבען פון מיר די מענשהייט פערבאָרגען, בעת איך האָב צו אָט דער מענשהייט אַפּעלירט. איצט דאַרף איך נישט קיין סימפּאַטיע

און קיין מענשליכע רחמנות! נישטא ביי מיר קיין פאטער, נישטא ביי מיר קיין ליבע! אין בלוט און אין טויט וועל איך פערגעסען דערויף, וואס איז מיר אמאל טייער געווען! לאמיר געהן! לאמיר געהן! א, איך וועל ברענגען שרעקליכע צושטערונג! בעשלאסען! איך בין אייער הויפטמאן! און גליקליך וועט זיין דער פון אייך, וואס וועט מיט ווילדקייט לאזען ברענען אלץ ארום זיך, וואס וועט דרגענען אויפ'ן סאמע שרעקליכסטען אופן! און איך זאג אייך צו, אז איך וועל איהם קייזערליך בעלוינען! רינגעלט מיך יעדער ארום און שווערט מיר צו טרייהייט און געהארכזאמקייט ביז'ן טויט! שווערט מיר צו מיט דער רעכטער האנד אייערער!

אלע (אויפהויבענדיג די הענד): מיר שווערען דיר טרייהייט און געהארכזאמקייט ביז'ן טויט אריין!

מאר: און מיט דער רעכטער האנד שווער איך אייך אויך צו, אז איך וועל זיין אייער טרייער און איבערגעבענער הויפטמאן ביז'ן טויט אריין! אט דיזעלבע האנד וועט פאלען אויף דעם, וואס וועט זיך דערשרעקען אדער צווייפלען, אדער ער וועט וועלען אבטרעטען פאר'ן שונא! און דאסועלבע קאן טהון מיט מיר א יעדער פון אייך, ווען איך וועל ברעכען מיין שבועה! זענט איהר צופריעדען?

(שפיגעלבערג לויפט האסטיג אום איבער'ן צימער).

אלע (מיט אויסערגעוועהנליכער היץ): צופריעדען!

מאר: טא לאמיר זיך לאזען אין וועג אריין! שרעקט זיך נישט פאר טויט און געפאהר, ווארום יעדער פון אינז האט סיי-ווי-סיי זיין בעשטימטען גורל! יעדער פון אונז וועט סוף-כל-סוף שטארבען, צי אויף ווייכע קישענס, צי אויפ'ן בלוטיגען פעלד, צי אויף דער תליה! איינער פון אט די מינים טויטען וועט זיין אונזער טויט! (אב).

שפיגעלבערג (קוקט איהם נאך; נאך א קליינער פויזע): דיין צעטעל איז נאך נישט פיל. דו האסט זיך פערגעסען אן בם (אב).

# דריטע סצענע.

## פראַנץ, אַמאַליע.

פראַנץ: דו קעהרסט זיך אָב פון מיר, אַמאַליע? האָב איך רען ניט פערדיענט אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט וויפיעל דער, וואָס זיין פאָטער האָט איהם פערשאָלטען.

אַמאַליע: אַוועק! דו ביזט דער זוהן פון דעם ליעבענדען בּאַרמהערציגען פאָטער, וועלכער האָט איבערגעגעבען זיין זוהן צו וועלף און שלאַנגען! ער אַליין געניסט די גוטע טייערע ווײַנען, ערטעלט זיינע אַלטע גליעדער אויף דיוואַנען און אויף פוכאָווע קישענס, בעת זיין גרויסער און שענער זוהן ליידט הונגער און נויט. שעמט אייך, איהר באַרבאַרען, שעמט אייך, איהר שלעכטע מענשען! אַנ'איינציגען זוהן!...

פראַנץ: און מיר שיינט, אַז ער האָט צוויי זיהן.

אַמאַליע: יאָ, ער האָט פערדיענט אַזעלכע זיהן צו האָבען, ווי דו. אויף זיין טויטען בעט וועט ער אומזיסט זיינע שוואַכע הענד אויסשטרעקען נאָך זיין קאַרלן, אָבער ציטערענדיג, וועט ער זיינע הענד צוריקחאַפּען, ווען זיי וועלען זיך נאָר אָנריהרען אָן די קאַלטע הענד פון פראַנצן... אַך, ווי אַנגענעהם עס איז צו זיין פערשאָלטען פון אַ פאָטער! זאָג פראַנץ, זאָג ליעבער הארציגער ברודער, וואָס דאַרף מען טהון, אום פון איהם פערשאָלטען צו זיין?

פראַנץ: דו רעדסט זעהר ניט גלייך, מיין טייערע, דו פערדיענסט בעדויערונג.

אַמאַליע: דו בעדויערסט מיך? בעדויערסטו אויך דיין ברודער? ניין, רשע, דו האָסט איהם פיינט! מיך האָסטו דאָך אויך פיינט?

פראַנץ: איך האָב דיך ליעב, אַמאַליע, ווי זיך אַליין!

אַמאַליע: אויב דו ליעבסט מיך, וועסטו מיר נישט אָבזאָגען דערין, וואָס איך וועל ביי דיר בעטען.

פראַנץ: ניין. ווי באַלד דאָס איז ניט מעהר ווי מיין לעבען.

אַמאַליע: אָ, אויב דאָס איז אַזוי — וועסטו גערן ערפילען מיין בקשה! (שטאָלץ) האָב מיך פיינט! מיינע באַקען פלאַמען פון חרפה, ווען טראַכטענדיג פון קאַרלן, וועל איך מיך דערמאָהנען, אַז דו האָסט מיך פיינט! קאָנסטו עס מיר פערשפּרעכען? איצט געה און לאָז מיך איבער אַליין. איך וויל זיין אַליין.

פראניץ: מיין ליעבע פאנטאזירעריןֿ, איך בעוואונדער דיין אײדעלעס ליעבענדעס הארץ. (ווייזט אן אויף איהר הארץ) אט דא, אט דא האט געקעניגט קארל, ווי גאט אין טעמפעל. קארל שטעהט פאר דיר אין בייטאג אין ביינאכט. די גאנצע וועלט האט זיך פאר דיר אויפגעגאסען אין איהם, האט זיך אבגעשפיגעלט אין איהם, און קלינגט מיט איהם: קארל, קארל!

אמאליע (אויפגערעגט): יא, עס איז אמת. איך בעשטעטיג עס! עפענטליך פאר דער גאנצער וועלט וועל איך שרייען, אז איך ליעב איהם!

פראניץ: עס איז אונמענשליך, גרויזאם אזוי א ליעבע צו בעלוינען! צו פערגעסען יענע, וועלכע...

אמאליע (אויפשפרינגענדיג): וואס? מיך פערגעסען?

פראניץ: האסטו דען איהם ניט געגעבען א פינגעריל אלס משכון פון טרייהייט? נו, געוויס, ווי קאן א בחור'ל ביישטעהן אנט־קעגנע, דער נעץ פון אנ'עפענטליכער פרוי? ווער קאן איהם בע־שולדיגען דערפאר, וואס ער האט איהר מעהר ווי דעם רינג ניט געגעבען און זי האט איהם דערפאר גוט בעצאהלט מיט קושען און מיט האלזען.

אמאליע (שרעקליך אויפגעבראכט): מיין רינג — אנ'ע־פענטליכער פרוי?

פראניץ: דאס איז מאוס! עס וואלט נאך גוט געווען, ווען דאס אליין זאל זיין. א פינגעריל, ווי טייער דאס זאל נישט זיין, קאן מען שטענדיג קריגען ביי יעדען יודען... אפשר איז איהם, קאן זיין, נישט געפעלען געווען די ארבייט, אפשר האט ער געקויפט א שענערען רינג, איידער דער.

אמאליע (היציג): אבער מיין פינגעריל... איך זאג דאך — מיין פינגעריל?

פראניץ: טאקע נאר דיינס, אמאליע! ווען איך האב אזא טייערע זאך אויף מיין פינגער און פון אמאליען?... אפילו דער טויט וואלט עס נישט געקאנט אראבצייסען פון מיינע פינגער! ניט וואהר, אמאליע? נישט די קאסטבארקייט פון דימענט, נישט די קונסט פון ארומשלייפען, נאר די ליעבע מאכט איהם טייער... (פויזע) מיין טייער קינד, דו וויינסט? וועה צו דעם, וואס האט ארויסגערופען די טייערע טרעהרען פון די הימעל־אויגען... אך, ווען דו וואלסט אלץ געוואוסט, ווען דו וואלסט איהם אליין געזעהן, ווי ער זעהט אויס?

אַמאַליע: שרעקליך! ווי אַזוי זעהט ער אויס?

פראַנץ: דו האָסט געזעהן, אַמאַליע, דעם אומגליקליכען, וואָס איז געשטאָרבען אין אונזער שפּיטאָל. די שעמעדיגקייט האָט האַכט זיך, פערמאַכט איהרע אויגען פאַר איהם. דו האָסט איהם ווידער בעדויערט. רוף נאָכאַמאָל אַרויס פאַר דיינע אויגען אָט די געשטאַלט און דו ווערסט דערזעהן קאַרל'ן. זיינע קושען זענען פּעסט, זיינע ליפּען זענען סם.

אַמאַליע: אונפערשעמטער ליגנער!

פראַנץ: האָסט שוין מורא פאַר קאַרל'ן? דיר עקעלט שוין פון אָט דער בלייכער געשטאַלט! גיה, קוק אויף דיין שענעם, געטליכען קאַרל'ן! גיה, אָטעם אַריין זיין היילבאַרען אָטעם און פערסם זיך מיט דער לופט פון זיין האַלז!

אַמאַליע (קעהרט זיך אָב).

פראַנץ: וואָס פאַר אַ הייסע ליעבע! וואָס פאַר אַ זיסע אומאַרמונגען! אָבער צי מעג מען פונדעסטוועגען בעשולדיגען אַ מענשען דעריין, וואָס ער איז אויסערליך קרענקליך און העסליך! אין דעם סאַמע ערגסטען קאַליקע קאָן זיין אַ גרויסע נשמה, וואָס איז ווערטה געליעבט צו ווערען, אַ נשמה, וואָס קאָן לייכטען ווי אַ דימענט אין בלאָטע... אויך אויף אונריינע ליפּען קאָן זיין ליעבע...

אַמאַליע (שפּרינגט פריידיג אויף): אַך, קאַרל, איך דערקען דיך ווידער! גזלן, דו ווייסט, אַז קאַרל קאָן נישט זיין אַזאַ... (פראַנץ בלייבט שטעהן אַ געוויסע צייט פערטראַכט, דערנאָך דרעהט ער זיך געשווינד אויס — אַוועקצוגעהן) וואוהין אַזוי שנעל? דו אַנטלויפסט פון דיין אייגענער בושה?

פראַנץ (פערשטעלט דאָס געזיכט): לאָז מיך! לאָז מיך פריי זיך אויסוויינען! אָ, בייזער פאָטער! דעם בעסטען פון דיינע זיהן האָסטו געמאַכט אַזוי אומגליקליך! לאָז מיך, אַמאַליע, איך וועל צו זיינע פיס פאַלען, אויף די קניה וועל איך ביי איהם אויסבעטען, ער זאָל פערשילטען מיך, אָנשטאָט קאַרל'ן! זאָל ער מיר קיין ירושה נישט געבען! זאָל ער ביי מיר אַלץ צונעהמען, מיין ליעבע... אַלץ!...

אַמאַליע (פאַלט איהם אויפ'ן האַלז): מיין קאַרל'ס ברודער! בעסטער, ליעבסטער פראַנץ!

פראַנץ: אָ, אַמאַליע, ווי איך האָב דיך ליעב פאַר דיין טריייקייט צו מיין ברודער! פערגיב מיר, וואָס איך האָב געוואַגט אויס-

צופּרובען דיין ליעבע אויף אַזאַ אַכזריות'דיגען אופן! ווי שען די האָסט פערוויירקליכט מיינע פערלאַנגען. אָט די טרעהרען, אָט די זיפצען, אָט די געטליכע פעראַכטונג אין... פאַר מיר... פאַר מיר... אונזערע נשמות האָבען שטענדיג אַזוי האַרמאָניש געשטימט!...

אַ מ אַ ל י ע: אָ, ניין, דאָס איז קיינמאָל נישט געווען!

פ ר אַ נ ץ: זיי זענען אַזוי האַרמאָניש געשטימט געווען! איך האָב שטענדיג געטראַכט, אַז מיר זענען עהנליך אָן אַ צווילינג: אויסערליך נאָר זענען מיר נישט עהנליך. געוויס, קאַרל איז שענער פאַר מיר, אָבער אַזוי וואָלט מען אונז געקאָנט אָננעהמען פאַר איין מענשען. דו, האָב איך זיך אָפטער געזאָגט, ביזט קאַרל אויס'ן אויג, זיין עכאָ, זיין געשטאַלט!

אַ מ אַ ל י ע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, ניין! אויף קיין אופן נישט! קיין איין אָדעריל נישט זיינס, קיין איין פונקעלע פון זיינע געפיהלען!

פ ר אַ נ ץ: אונזערע נייגונגען זענען דיזעלבע. דאָס ליעבסטע בלומעל איז ביי איהם געווען אַ ראָזע. וואָס פאַר אַ בלומעל איז ביי מיר געווען טייערער פון אַ ראָזע? ער האָט שרעקליך ליעב געהאַט מוזיק. אייך, שטערען, רוף איך פאַר עדות! אַזוי פיעל מאָל האָט איהר מיר געליכטען פאַר די קלאַווישען, בעת אַלץ אַרום איז געווען פערזונקען אין שלאָף. ווי קענסטו, אַמאַליע, צווייפלען, בעת מיר האָבען ביידע ליעב געהאַט איינם און דאָסזעלבע. ווי קאָנען קינדער פון איין און דערזעלבער ליעבע נישט זיין עהנליך איינם אויס'ן צווייטען?

אַ מ אַ ל י ע (קוקט איהם אָן פערוואונדערט).

פ ר אַ נ ץ: עס איז געווען אַ שענער, שטילער" אָווענד. דער לעצטער פאַר זיין אָבפאָהר קיין לייפּציג. ער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין גאָרטען, דאָרט, וואו איהר פלעגט אָפט זיצען צוזאַמען, פאַנטאַזירענדיג וועגען ליעבע. מיר האָבען לאַנג געשוויגען. דערנאָך האָט ער גענומען מיין האַנד און שטיל און מיט טרעהרען געזאָגט: איך פערלאָז אַמאַליען, איך וויים ניט, נאָר מיר שיינט, אַז אויף אייביג. פערלאָז זי ניט, ברודער! זיי איהר אַ פריינד, זיי איהר אַ קאַרל... אויב קאַרל וועט נישט מעהר צוריקקומען. (פאַלט אויף די קניה פאַר איהר און קושט היים איהרע הענד) קיינמאָל, קיינמאָל וועט ער זיך שוין ניט צוריקקעהרען — און איך האָב איהם הייליג געשוואָרען דערין!

אמאליע (אבשפרינגענדיג פון איהם): פעררעטער! איך האב דיך געפאקט! אין דעמזעלבען גארטען האט ער מיר פער־שווארען קיינעם נישט צו ליעבען, ווען ער וועט שטארבען. זעהסט, ווי מאוס, ווי העסליך דו ביזט! אוועק פון מיינע אויגען!

פראנץ: דו קענסט מיך נישט, אמאליע, דו קענסט מיך גאר נישט.

אמאליע: א, איך קען דיך! פון היינט אן קען איך דיך גאנץ גוט! און הו האסט זיך געוואלט גלייכען צו איהם? ער האט געוויינט פאר דיר וועגען מיר! פאר דיר? גיכער וואלט ער מיך געמאכט צו חוזק! געה שנעל אוועק פון מיר!

פראנץ: דו בעליידיגסט מיך!

אמאליע: געה אוועק, זאג איך!

פראנץ: דו פעראכטסט מיך!

אמאליע: איך פערהאס דיך, געה!

פראנץ: דו וועסט מורא האבען פאר מיר! מיך אויף א בעטלער אויסבייטען!... (אב).

(פארהאנג).

# צווייטער אקט.

## ערשטע סצענע.

פראנץ מאר זיצט פערטראכט אין זיין צימער.

פראנץ: עס דויערט מיר צו־לאנג. דער דאקטאר זאגט, עס ווערט איהם בעסער. דאס לעבען פון דעם אלטען איז דאך א גאנצע אייביגקייט! און דאך קאן מען אויסשפרייטען א גלייכען פרייען וועג צו אט דעם הארטען פערטריקענטען שטיקעל פלייש, וואס פערצוימט מיר דעם וועג צו מיינע אוצרות. דארפען זיך אבער בויגען מיינע בעשלוסען אונטער דעם אייזערנעם יאך פונ׳ם מעכאניזם? דארף דען מיין הויכפליהענדער גייסט זיין געשמידט צוליעב דעם לאנגזאמען גאנג פון דער מאטעריע? איך דארף נאר אויסלעשען דאס פייער, וואס צאנקט נאך קוים צוליעב דעם ביסעלע אייל וואס איז נאך דא — און א סוף... דאך וואלט איך עס ניט געוואלט טהון צוליעב מענשען. איך וואלט איהם נישט געוואלט טויטען, נאר איך וואלט איהם ווילען פערקירצען די יאהרען. ווי א גוטער דאקטאר, נאר פערקעהרט: נישט פערשטעלען דעם וועג דער נאטור, נאר פערשנעלען איהר אייגענעם גאנג. מיר האבען דאך יא מיטלען, ווי אזוי צו פערלענגערן דאס לעבען, טא פאר־וואס זאלען מיר נישט קאנען אויך פערקירצען? רענק נאך, פראנץ! דאס איז אזא זאך, וואס דו וואלסט ווערט געוועזן צו זיין איהר ערפינדער. אבער ווי אזוי מאכט מען עס? אבער ווי געפינט מען א מיטעל צו צושטערען די שטילע, זיסע הארמאניע צווישען קערפער און נשמה? וואס פאר א ארט געפיהלען זאל איך אויסוועהלען? וועלכעס פון זיי איז בעסער אום צושטערען דאס בליהענדע לעבען? כעס? אט דער אויסגעהונגערטער וואלף ווערט גיך זאט. זארג? אט דער ווארעם נאגט צו־לאנגזאם. צער? אט דאס קריכט זעהר פויל. אימה? די האפנונג ערלויבט איהר נישט צו בעפאלען א מענשען אינגאנצען. וואס? זענען שוין דאס די אלע תליינים פון דעם מענשען?

איז דען דער אַרסענאַל פון טויט אַזוי גיך שוין אויסגעשעפט? איז שוין מעהר נישטאָ? האַ! ניין! שרעק! וואָס איז נישט אים־שטאַנד צו מאַכען שרעק? וואָס קאָן העלפען שכל, רעליגיאָן געגען די אָרעמס פון דעם דאָזיגען גיגאַנט? אָבער טאָמער וועט ער אויך אָט דעם שטורם אויסהאַלטען? טאָמער? נאָר מיט איין קלאַפּ נאָך דעם אַנדערען וועל איך צושלאָגען אָט דאָס שוואַכע לעבען! נצחון, נצחון! דער פּלאַן איז פאַרטיג. שווער, קונציג, אָבער זיכער. אַפילו דאָס מעסער פונ'ם אַנאַטאָמיקער ביים פאַלמעסען וועט נישט געפינען קיין שפור פון אַ וואונד אָדער סם! גרויסאַרטיג! (הערמאַן קומט אַריין).

הערמאַן: איך בין גרייט אייך צו דינען, מיין הער.

פראַנץ: הערמאַן, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגען.

הערמאַן: איך האָרך מיט טויזענד אויערען.

פראַנץ: איך קען דיך. דו ביזט אַ'ענטשלאָסענער יונג, אַ סאָלדאַטען־האַרץ... מיין פאָטער האָט דיך זעהר באַליידיגט, הערמאַן.

הערמאַן: זאָל מיך דער טייוועל נעהמען, אויב איך וועל דאָס פערגעסען.

פראַנץ: דאָס איז אַ טאָן פון אַ מאַנסביל! נקמה פּאַסט פאַר אַ מאַנסבילשען האַרץ!... דו געפעלסט מיר, הערמאַן. נעהם דאָס דאָזיגע ביטעלע, הערמאַן. דאָס ביטעלע וואָלט געווען אַ סך שווערער, ווען איך וואָלט דאָ זיין בעל־הבית!

הערמאַן: דאָס איז מיין אייביגער פערלאַנג. איך דאַנק אייך.

פראַנץ: חלעבען, הערמאַן, דו וואָלסט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין בעל־הבית? אָבער מיין פאָטער איז נאָך געזונד, אַזוי ווי אַ לייב און דערצו נאָך בין איך דער יונגערער זוהן.

הערמאַן: איך וואָלט וועלען, אַז איהר זאָלט זיין דער עלטערער זוהן און אייער פאָטער זאָל זיין געזונד ווי אַ שווינדזיכטיג מיידעל.

פראַנץ: אַך, ווי וואָלט איך דיך דעמאָלט באַלוינט און ווי הויך וואָלט איך דיך אויפגעהויבען פון דעם שמוץ, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר דיין גייסט און אַדעלקייט! איך וואָלט דיך מיט געלד פערשאָטען, און דו וואָלסט זיך אַרומגעפאָהרען איבער די גאַסען אויף פיער פערד... חלעבען, אַזוי וואָלט עס געווען... נאָר...

איך האב פערגעסען, וואס איך האב דיר געוואלט זאגען. יא, דו האסט שוין פערגעסען דאס פריילין פאן-עדעלרייך?

הערמאן: אך, צום טייוועל! צו וואס דערמאהנט איהר מיר דאס?

פראנץ: מיין ברודער האט זי ביי דיר אוועקגענומען.

הערמאן: ער וועט זיך בעצאהלען דערפאר!

פראנץ: ווען דו האסט געוואלט איהר האנד, האט זי דיר אבגעזאגט. מיר שיינט נאך, אז מיין ברודער האט דיך פון די טרעפ אראבגעווארפען.

הערמאן: ער וועט זיך בעצאהלען דערפאר!

פראנץ (קלאפט איהם אין פלייצע): הערמאן, דו קומסט ארויס פון אדעל, טארסטו נישט דערלאזען, אז זי זאל צו איהם געהערען. פאר קיין אופן נישט! ווען איך בין אויף דיין ארט, וואלט איך אנגענומען די סאמע עקסטע מיטלען.

הערמאן: איך וועל זיך נישט בערוהיגען, ביז איך וועל זיי ביידען נישט בעגראבען!

פראנץ: נישט אזוי אויפגערעגט, הערמאן. קום אהער געהנ-טער, וועסטו האבען אמאליען.

הערמאן: איך מוז זי האבען. זי מעג אפילו זיין אין די הענד פון טייוועל! איך מוז!

פראנץ: זי וועט זיין דיינע, זאג איך. איך וועל זי דיר געבען. קום נאר נעהנטער. דו ווייסט, קאן זיין, אז קארל קריגט נישט קיין ירושה?

הערמאן (געהט צו נעהנטער): אונמעגליך! איך הער דאס צום ערשטען מאל!

פראנץ: דו בערוהיג זיך און הארך ווייטער! א צווייטען מאל וועסטו דערהערען נאך מעהר נייעס!... יא, שוין עלף מאנאטען, אז ער איז פערטריבען פון דערהיים, נאר דער אלטער הויבט שוין אן חרטה האבען, וואס ער האט זיך עטוואס צוגעאיילט מיט'ן שריט, וועלכען (לאכענדיג) ער האט געמאכט, מעגסט זיין זיכער, נישט מיט זיין אייגענעם ווילען. נאר אט די עדעלרייך טרעט פון איהם נישט אב טאג-טעגליך מיט פארוואורפען און אויסריידענישען... פריהער אדער שפעטער, און דער אלטער וועט הייסען, מען זאל אויפזוכען זיין זוהן אין אלע פיער עקען פון דער וועלט און ווען מען וועט איהם אבזוכען — דעמאלט איז א גוטען טאג, הערמאן

דעמאלט מעגסטו זיך שוין רוהיג נאכשלעפען נאך דער קארעטע, אין וועלכער ער וועט מיט איהר פאהרען צו דער חופה!

הערמאן: איך וועל איהם דערווערגען.

פראנץ: דער פאטער וועט איהם אוועקגעבען זיינע גיטער און אליין וועט ער אוועקגעהן דערציהען זיינע יאהרען אין זיינע שלעסער. דער שטאלצער עקשן וועט נעהמען די לייצען אין די הענד און וועט לאכען פון די אלע, וואס האבען איהם מקנא געווען אדער געהאסט. און איך, אפילו איך, וואס איך האב דיך געוואלט מאכען פאר אנ'אמת'ן פריץ, וועל זיך דארפען בוקען פאר זיין שוועל.

הערמאן (מיט היץ): ניין. איך שווער דיר מיט מיין נאמען, אז דאס וועט נישט זיין. כל-זמן אין דעם קאפ וועט זיין כאטש איין פונק שכל, וועט עס נישט געשעהן!

פראנץ: וועסטו אבער קאנען פערענדערען? אויך דו, ליעבער הערמאן, וועסט איהם גיך אנהויבען צו פיהלען! ווארום ער וועט דיר שפייען אין פנים, ווען ער וועט דיך טרעפען אויף דער גאס, און וועה וועט זיין צו דיר, ווען דו וועסט א דרעה טהון מיט'ן אקסעל, אדער דאס מויל פערקרימען. מיט דעם וועט זיך ענדיגען דיין איינבילדונג אין אמאליען מיט דיינע פלענער.

הערמאן: זאגט מיר, וואס זאל איך טהון.

פראנץ: הער, דו זאלסט וויסען, אז איך נעהם דיין גורל נאהנט צום הארצען, ווי אנ'אמת'ער פריינד. געה קלייד זיך איבער, מאך עס אזוי, אז מען זאל דיך נישט דערקענען. בעט, מען זאל דיך פיהרען צום אלטען, און דעם אלטען זאלסטו זאגען, אז דו קומסט פון בעהמען, אז דו ביזט געווען מיט מיין ברודער אין דער שלאכט נעבען פראג און פאר דיר אין די אויגען איז ער דערהרג'עט געווארען.

הערמאן: מען וועט מיר דען גלויבען?

פראנץ: אהא! דאס לאז מיר שוין אליין בעזארגען. נעהם אט דעם פאקעט. דו וועסט דא געפינען אלע נויטיגע בעווייזען. אויך זענען דא פארהאן אזעלכע דאקומענטען, וועלכע וועלען דעם צווייפעל אליין מאכען גלויביג. אבער זעה, געה ארויס פון דאנען אזוי, אז מען זאל דיך נישט בעמערקען. געה-ארויס דורך דער הינטערטהיר אויפ'ן הויף, פון דארטען איבער'ן פארקאן... און די קאטאסטראפע פון דער טראגי-קאמעדיע לאז איבער מיר.

הערמאן: און א קאטאסטראפע װעט געװיס זײן! עס זאל לעבען דער נײער הערר פראנץ פאן=מאר!

פראנץ (פאטשט איהם איבער׳ן בעקעל): א, װי דו ביזט תיטרע! זעהסטו, אויף אזא אופן װעלען מיר דערגרײכען אלע אונזערע ציעלען מיט איין מאל און געשװינד. אמאליע פערליערט די האפנונג אויף איהם. דער אלטער װעט זיך בעשולדיגען אין דעם זוהנ׳ס טויט און װעט קראנק װערען און א געביי, װאס שאקעלט זיך, דארף נישט האבען קיין ערד=ציטערניש אום צו װערען א חורבה. ער װעט אט די ידיעה נישט איבערלעבען, און דעמאלט בין איך דער איינציגער זוהן. אמאליע פערליערט איהר שטיצע און װעט װערען א שפיעלכעל פון מיין װילען. קאנסט עס לײכט פערשטעהן... קורץ — אלץ װעט אויסגעפיהרט װערען, װי מיר װילען.

הערמאן: פערלאזט זיך אויף מיר. איך װעל טהון, װאס מען דארף! אדיע! (אב).

פראנץ (הינטער איהם): דער שנײט איז דײנער, ליעבער הערמאן. (אליין) װען דער אקס ברײנגט אין שײער אריין דעם קארן, מוז ער זיך דעמאלט בעגנוגענען מיט היי. פאר דיר דאס שטאל=מיידעל, אבער נישט אמאליע (אב).

---

# צװײטע סצענע.

## דאס שלאפצימער פונ׳ם אלטען מאר.

דער אלטער מאר שלאפט אין זיין לעהן-שטוהל, אמאליע.

אמאליע (געדט שטיל פערביי): שטילער, שטילער! ער שלאפט איין! (שטעלט זיך אנידער געגען איהם) װי שען ער איז! װי שטאלץ! הײליגע װערען אזוי געמאהלט. איך קאן נישט זײן בייז אויף דיר, װײסער קאפ! שלאף רוהיג און ערװאך מיט שמחה, און איך װעל קאנען לײדען!

אל. מאר (פון שלאף): זוהן מײנער! זוהן מײנער!

אמאליע (נעהמט איהם אן ביי דער האנד): הערסט! הערסטו איהם חלומ׳ט זיך דער זוהן!

אל. מאר: דאס ביזטו? טאקע מיט אנ׳אמת, דו? אך, װי דו זעהסט שלעכט אויס! קוק נישט אויף מיר מיט אומעטיגע אויגען. איך בין אהן דעם אויך גענוג אומגליקליך!

אמאליע (וועקט איהם): עפענט די אויגען! איהר האט ערשט געהאט א חלום! בערוהיגט זיך!

אל. מאר (ערוואכענדיג): ער איז דא נישט געווען? האט איך איהם דען נישט געדריקט די האנד? שלעכטער פראנץ! אפילו אין חלום וואלסטו געוואלט ביי מיר איהם אבנעהמען.

אמאליע: זעהסטו?

אל. מאר: וואו איז ער? וואו? דאס ביזטו, אמאליע?

אמאליע: נו, ווי פיהלט איהר זיך איצט? דער שלאף האט אייך געווים געקרעפטיגט.

אל. מאר: מיר האט זיך גע׳חלומ׳ט מיין זוהן. אבער פאר־וואס איז דער חלום אזוי גיך אוועק? עס קאן זיין, אז איך וואלט פון זיין מויל געהערט, ווי ער איז מיר מוחל.

אמאליע: מלאכים זענען קיינמאל נישט בייז. ער איז אייך מוחל. (נעהמט איהם פאר׳ן האנד) פאטער פון מיין קארל, איך בין אייך מוחל.

אל. מאר: ניין, מיין קינד. אט די טויטע בלאסקייט פון דיין געזיכט דערשלאגט מיך... ארים מיידעלע! איך האב צושטערט די שמחה פון דיין יוגענד. איך האב דיך אומגליקליך געמאכט.

פראנץ, הערמאן — אן׳איבערגעטהאענער.

פראנץ: אט איז דער מאן. ער זאגט, אז ער האט אייך מיטצוטיילען שרעקליכע זאכען. איהר קאנט איהם אויסהערען?

אל. מאר: איך ווייס נאר איין זאך. קום צו נעהנטער, מיין פריינד, און זאג, וואס דו קאנסט. גיט איהם א גלאז וויין.

הערמאן (מיט א פערענדערטער שטים): גנעדיגער פריץ! זענט מוחל אנ׳ארימען מענשען, וועלכער וועט געגען זיין ווילען דורכ־לעכערען אייער הארץ. איך בין א פרעמדער אין דאך קען איך אייך זעהר גוט. איהר זענט דער פאטער פון קארל מאר.

אל. מאר: יא. דו ווייסט עפעס פון מיין זוהן?

הערמאן: איך האב אייער זוהן געקענט.

אמאליע: ער לעבט?... לעבט?... דו קענסט איהם? וואו איז ער? וואו, וואו? (וויל לויפען).

אל. מאר: דו ווייסט פון מיין זוהן?

הערמאן: ער האט שטודירט אין לייפציג. פון דארט איז ער דערנאך אוועק און האט געוואנדערט אין דער וועלט, איך ווייס

ניט, וואו. און, ווי ער האָט אַליין דערצעהלט, האָט ער דורכגעוואַנדערט גאַנץ דייטשלאַנד אָהן אַ היטעל, באָרוועס, בעטענדיג נדבות ביי די טהירען. אין פינף מאָנאַטען אַרום איז אויף דאָס ניי אויסגעבראָכען דער קריעג צווישען פּריסען און עסטרייך, און אַזוי ווי אייער זוהן האָט נישט געהאַט מעהר אויף וואָס צו האָפען, איז ער צוזאַמען מיט פרידריכ'ס אַרמעע אַוועק קיין בעהמען. „ערלויבט מיר, האָט ער געזאָגט צום גרויסען שווערין, שטאַרבען ווי אַ העלד: איך האָב מעהר קיין פאָטער נישט.

אַל. מאָר: קוק נישט אויף מיר, אַמאַליע.

הערמאַן: מען האָט איהם געגעבען אַ פאָהן און ער איז אַוועק מיט דער מוטהיגער פּרייסישער אַרמעע. איינמאָל זענען מיר צוזאַמענגעלעגען אין איין פּאַלאַטקע. דעמאָלט האָט ער פיעל גערעדט פון זיין אַלטען טאַטען, פון זיינע בעסטע פערגאַנגענע צייטען און אָבגענאַרטע האָפנונגען. ביי אונז אַלעמען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, הערענדיג.

אַל. מאָר (פערבעהאַלט זיין קאָפּ אין קישען): שטילער, שטילער!

הערמאַן: אין אַכט טעג אַרום איז פאָרגעקומען דאָס היציגע געפעכט ביי פּראָג. איך מוז אייך זאָגען, אַז אייער זוהן האָט זיך געהאַלטען ווי אַ מוטהיגער קריעג-מאַן. ער האָט ממש געוויזען וואונדער אין די אויגען פון דער גאַנצער אַרמעע. פינף רעגימענטען האָבען זיך געביטען נעבען איהם, און ער איז אַלץ געשטאַנען. די קוילען זענען געפאַלען אויף רעכטס און אויף לינקס, און אייער זוהן איז דאָך געשטאַנען. אַ קויל האָט איהם צושמעטערט זיין רעכטע האַנד, האָט ער גענומען די פאָהן אין דער לינקער האַנד און איז געשטאַנען.

אַמאַליע (ענטציקט): העקטאָר! העקטאָר, איהר הערט?

הערמאַן: אין אָוענד, נאָך דעם געפעכט, האָב איך איהם געטראָפען אויפ'ן שלאַכט-פעלד צווישען די פערוואונדעטע; מיט דער לינקער האַנד האָט ער איינגעהאַלטען דאָס בלוט, וואָס האָט געפליצט פון זיינע וואונדען, און די רעכטע האָט ער אַריינגעשטעקט אין דער ערד. אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער צו מיר געזאָגט: ברודער, מען זאָגט צווישען די סאָלדאַטען, אַז דער גענעראַל איז געפאַלען אין דער מלחמה! דאָס איז אמת? „יאָ, זאָג איך, ער איז געפאַלען, און דו?" האָט ער צוגענומען זיין האַנד פון דער

האונד, און געזאגט: „ווער עס איז א בראווער סאלדאט, דער מוז געדן נאך זיין גענעראל!“ באלה נאכדעם האט די נשמה פערלאזען דעם העלד.

פראנץ (רוקט זיך ווילד צו הערמאנען): א, זאל אבגענומען ווערען ביי דיר די צונג. די ביזט געקומען מיין פאטער דערהרג'ענען! פאטער! אמאליע! פאטער!

הערמאן: דאס איז געוועזען דער לעצטער ווילען פון מיין גוסס'דיגען קאמעראד: „נעהם דעם שווערד, האט ער מיר געזאגט מיט א שוואכער שטים, און טראג איהם אב מיין פאטער. אויף איהם איז פערקיהלט געווארען זיין זוהנ'ס בלוט. ער מעג זיך פרעהען, דער פאטער — ער האט זיך נוקם געוועזען... זאג איהם, אז זיין קללה האט מיך געטריבען, איך זאל זוכען דעם טויט אויפ'ן שלאכטפעלד. איך בין אריינגעפאלען אין יאוש“. זיין לעצטער זיפץ איז געוועזען — אמאליע!

אמאליע (ווי פון שלאף ערוואכט): זיין לעצטער זיפץ איז געוועזען — אמאליע.

אל. מאר (מיט געשריי רייסט זיך די האהר פון קאפ): מיין קללה האט איהם געטריבען צום טויט, ער איז אומגעקומען פון יאוש.

פראנץ (לויפט איבער'ן צימער): וואס האט איהר דא געטהון? פאטער! מיין קארל! מיין ברודער!

הערמאן: אט איז דער שווערד און אט איז דאס בילד, וואס ער האט דעמאלט ארויסגענומען פון הארצען. דאס בילד איז מאדנע ענליך צו דעם פריילין. „דאס זאל איך איבערגעבען זיין ברודער פראנצ'ן“, האט ער מיך געבעטען. איך ווייס ניט, וואס האט ער דערמיט געמיינט.

פראנץ (ווי ערשטוינט): מיר? אמאליעס בילד מיר? קארל... אמאליע מיר?

אמאליע (לויפט צו הערמאנען): אומווארף! אונטערגעקויפטער ליגנער!

הערמאן: איך בין נישט קיין ליגנער, ליעבעס פריילין. זעהט אליין, איז דאס נישט דען אייער בילד? געוויס האט איהר עס אליין איהם געגעבען. (פראנץ נעהמט דאס ביי איהם).

פראנץ: איך מעג שווערען, אז דאס איז דיין בילד, אמאליע, דיין בילד. מיט אנ'אמת דיין בילד.

אמאליע: אָ, הימעל און ערד, דאָס איז מיין בילד!

אל. מאָר: וועה, וועה, וואָס האָב איך געטהין! מיין קללה האָט איהם דערהרג'עט. ער איז אומגעקומען פון יאוש.

פראַנץ: אָן מיר האָט ער זיך דערמאָהנט אין די לעצטע שווערע מינוטען פון זיין לעבען, אָן מיר! אָ, טייערע נשמה! אפילו ווען די שוואַרצע פאָהן פון טויט האָט זיך איבער איהם פערשפריים, האָט ער מיך נאָך אַלץ געדענקט!

הערמאַן: איך קאָן נישט צוזעהן דעם צער! זענט געזונד, אַלטער פריץ. (שטיל צו פראַנצ'ן): פאַרוואָס האָט איהר דאָס אַלץ געמאַכט? פאַרוואָס? (וויל געהן).

אמאַליע (שפרינגט אויף): וואַרט, וואַרט. וואָס איז געווען זיין לעצט וואָרט?

הערמאַן: זיין לעצטער זיפץ איז געווען אַמאַליע. (אָב).

אמאַליע: זיין לעצטער זיפץ איז געווען אַמאַליע! ניין, דו ביזט נישט קיין ליגנער! דאָס איז אַנ'אמת, ער איז געשטאָרבען! ער איז געשטאָרבען! (פאַלט) געשטאָרבען! קאַרל איז געשטאָרבען!

פראַנץ: וואָס זעה איך? וואָס איז דאָ אָנגעשריבען אויף דעם שווערד? אָנגעשריבען מיט בלוט: „אַמאַליע"...

אמאַליע: ער האָט אָנגעשריבען?

פראַנץ: צי זעה איך דאָס אין דער'אמת'ן, צי דאָס איז אַ חלום? זעה, דאָ איז מיט בלוט אָנגעשריבען: „פראַנץ, פערלאָז נישט מיין אַמאַליע". קוק-נאַר, קוק-נאַר! אויף דער צווייטער זייט איז אָנגעשריבען: „אַמאַליע, דיין שבועה האָט צובראָכען דער אַל-מעכטיגער טויט". זעהסטו, ער האָט דאָס געשריבען מיט אַ פערגלי-ווערטער האַנד, מיט'ן וואַרים בלוט פון האַרץ, ביים טהיר פון קבר. זיין נשמה איז נאָך פערבליבען אויף איינינע מינוטען אין קערפער, כדי ער זאָל קאָנען פעראייניגען פראַנצ'ן מיט אַמאַליע'ן.

אמאַליע: גרויסער גאָט! דאָס איז זיין האַנדשריפט! ער האָט מיך נישט געליעבט! (אָב שנעל).

פראַנץ (פאַר זיך): זי איז פערצווייפעלט. דאָס גאַנצע קונצ-שטיק מיינס ווערט צושטערט צוליעב אָט דעם פער'עקשנ'טען קאָפ. (וויל געהן).

אל. מאָר: וועה, וועה, פערלאָז מיך נישט, טאָכטער מיינע! פראַנץ, פראַנץ, גיב מיר צוריק מיין זוהן.

פראַנץ: ווער האָט איהם פערשאָלטען? ווער האָט געטריבען

זײַן זוהן צו יאוש און טויט! ער איז געווען אַ מלאך! אַ קלאָג צו זײַן תלין! אַ קלאָג צו דיר!

אַל. מאָר (שלאָגט זיך מיט די הענד אין געזיכט און אין האַרצען): ער איז געווען אַ מלאך. אַ גאָלדען קינד! אַ קללה זאָל פאַלען אויף מײַן קאָפּ! איך בין דער פאָטער, וואָס האָט זײַן גרויסען זוהן דערהרג׳עט. ער האָט מיך ליעב געהאַט ביז׳ן סאַמען טויט! אויס נקמה האָט ער זיך געוואָרפען אין מלחמה אַרײַן, כּדי ער זאָל שטאַרבען! דאָס איז שרעקליך! דאָס איז שרעקליך!

פראַנץ: ער איז שוין טויט! וואָס טויג איצט דאָס קלאָגען? (שפּאָטיש) עס איז לײַכטער צו דערהרג׳ענען אַ מענשען, איידער פון טויט לעבעדיג מאַכען! איהר וועט איהם שוין קיינמאָל נישט קאָנען צוריקנעהמען פון קבר!

אַל. מאָר: איך וועל איהם שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט קאָנען צוריקנעהמען! פערלאָרען אויף אייביג! אָבער נאָר דו האָסט אַרויסגעריסען פון מײַן האַרצען די קללה! דו ביזט דער שולדיגער! דו! דו! גיב מיר אָב מײַן זוהן צוריק.

פראַנץ: רייצט מיך נישט אויף! איך וועל אײַך אַוועקלאָזען אַ גוסס׳ען.

אַל. מאָר: פערזעהעניש! פערזעהעניש! מײַן זוהן גיב מיר צוריק. (שפּרינגט אויף, וויל אָנחאַפּען פראַנצ׳ן פאַר׳ן האַלז, נאָר פראַנץ שטויסט איהם צוריק.)

פראַנץ: מאַכטלאָזע ביינער! איהר וואַגט נאָך אָנצוהויבען?... שטאַרבט! פּלאַצט! (וואַרפט איהם אַנידער. אָב).

## אַמאַליע קומט אַרײַן מיט פערווייַנטע אויגען.

אַל. מאָר: אָ, אַמאַליע! ברענג רוה מײַן נשמה!

אַמאַליע (שטיל): איהר האָט פערלאָרען אַ שענעם זוהן.

אַל. מאָר: דערהרג׳עט, ווילסטו זאָגען! מיט אַזוינע שווערע געדאַנקען וועל איך מיך דאַרפען שטעלען פאַר גאָט׳ס משפט.

אַמאַליע: זײַן לעצטער זיפץ איז געווען — אַמאַליע! ציטערט נישט זײַן ערשטע שמחה — אַמאַליע?

אַל. מאָר: מײַן קאַרל׳ס כלה, דו דאַרפסט זײַן נעבען מיר, ווען איך וועל שטאַרבען.

אַמאַליע: שטאַרבען — דאָס הייסט אַרײַנפאַלען אין זײַנע אָרמען. איהר זענט גליקליך, מען קאָן אײַך מקנא זײַן! פאַרוואָס

זענען אָט די ביינער נישט אַלט און שוואַך? פאַרוואָס זענען אָט די האָהר נאָך נישט גרוי? אָ, קום צו מיר, דו אַלטקייט, וואָס דו מאַכסט שלאָף!

פראַנץ קומט אַריין.

אַל. מאָר: קום אַהער, מיין זוהן. פערגיב מיר, טאָמער בין איך מיט דיר זיך בעגאַנגען בייז. איך בין דיר אַלץ מוחל. איך וואָלט געוואָלט שטאַרבען רוהיג.

פראַנץ: האָט איהר געגוג בעוויינט אייער זוהן?

אַל. מאָר: יעקב האָט געהאַט צוועלף זיהן, פונדעסטוועגען האָט ער איבער יוסף'ן פערגאָסען ביטערע טרעהרען.

פראַנץ: הם!

אַל. מאָר: געה מיין טאָכטער, נעהם די ביבעל און לייען מיר די מעשה מיט יעקב און יוסף'ן. זי האָט מיך שטענדיג גע־ריהרט, האָטש דעמאָלט בין איך נאָך נישט געווען קיין יעקב!

אַמאַליע: איז וואָס זאָל איך אייך לייענען? (נעהמט די ביבעל און בלעטערט).

אַמאַליע (לעזט): „און יעקב האָט צוריסען די קליידער אויף זיך. און לאַנג האָט ער בעוויינט זיין זוהן. אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטען און געזאָגט: איך וועל געהן נאָך מיין זוהן“.

פראַנץ פערשווינדט שנעל.

אַל. מאָר: גענוג! הער אויף! עס ווערט מיר שלעכט.

אַמאַליע (לאָזט דאָס בוך און לויפט צו איהם): גאָט, וואָס איז אַזוינס?

אַל. מאָר: דאָס איז דער טויט! אַ שוואַרצער... קריכט... דאַכט זיך... פאַר מיינע אויגען... וואו... איז... מיין זוהן פראַנץ...

אַמאַליע: ער איז אַנטלאָפען! האָב רחמנות אויף אונז, גאָט!

אַל. מאָר: אַנטלאָפען... אַנטלאָפען... פון אַ גוסס'ען... און דאָס איז... אַלץ... אַלץ... פון מיינע צוויי קינדער... ה' נתן, ה' לקח...

אַמאַליע (אויסשרייענדיג): געשטאָרבען! אַלץ איז גע־שטאָרבען!

## פראַנץ לויפט אַרײַן מיט שמחה.

פראַנץ: געשטאָרבען, שרײַען זיי, געשטאָרבען. איצט בין איך אַ פריץ! אין גאַנצען שלאָס הערט זיך דאָס וואָרט: „טויט“. אָבער טאָמער שלאָפט ער? נו, געוויס, דאָס איז שוין אַזאַ שלאָף, נאָך וועלכען ער וועט קײנמאָל נישט הערען קיין גוט־מאָרגען. שלאָף און טויט זענען אַ צווילינג, לאָמיר חאָטש אײנמאָל איבער־בײַטען דעם נאָמען! (פערמאַכט איהם די אויגען) נו, ווער וועט איצט וואַגען שלעפען מיך צום סוד, אָדער זאָגען מיר אין די אויגען: אויסוואורף! טאָ זאָל פון הײַנט־אָן אַראָבפאַלען פון מיר די שווערע מאַסקע פון גוטסקײַט און טוגענד. איצט וועט איהר דערזעהן דעם אמת'ן פראַנץ און איהר וועט ציטערען פאַר איהם. מײַן פאָטער האָט פערקלענערט זײַנע פאָדערונגען, ער האָט נישט געזוכט קיין כבוד פון דעם טיטול גראַף. שטעהענדיג בײַם טהיר, האָט ער יעדען בעגריסט מיט אַ צערטליכען שמייכעל אויף די ליפען און יעדען פון אײַך אָנגערופען: ברודער, קינד! אָבער מײַנע ברעמען וועלען הענגען איבער אײַך, אַזוי ווי שרעקליכע שוואַרצע וואָלקען, מײַן הערשענדער נאָמען וועט זיך פערשפרייטען איבער אַט די בערג, אַזוי ווי אַ שרעקליכער קאָמעט. מײַן פאָטער האָט אײַך געהאַלזט און געגלעט און איהר האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם. אָבער איך קאָן נישט האַלזען און גלעטען. איך וועל אַרײַנ־שטעקען אין אײַערע קערפער שאַרפע שפּאָרען און וועל נעהמען אַ בײַטש. אין מײַנע גיטער וועט קומען דערצו, אַז קאַרטאָפעל און שיטערע ביער וועט זײַן אַ טראַקטאַמענט אויף יום־טוב. און ווערע וועט זײַן צו דעם יעניגען, וועלכען איך וועל בעגעגענען מיט פולע, רויטע באַקען. די בלאַסקײַט פון אָרימקײַט און שקלאַפען־אימה — דאָס וועט זײַן מײַן ליעבע פאַרב און אין אַט דער ליוורעע וועל איך אַלע מײַנע אונטערטהאַנען אָנקליידען.

---

## דריטע סצענע.

### די בעהמישע וועלדער.

רויבער מאָר רייטענדיג, שווייצער גרים, שופטערלע און אַנ־ערע קומען אַריין, בערעקט מיט שווייץ און שטויב.

מאָר (שפּרינגט אַראָב פון פערד): פרײַהײַט! פרײַהײַט! דו ביזט געראַטעט, ראָלער. שווייצער פיהר אָב מײַן פערד און וואַש

עס אויס מיט ווײַן. (לעגט זיך אויף דער ערד) פונדעסטוועגען איז עס דאך עפּעס ווערטה.

ראַצמאַן (צו ראָלער'ן): ביזט טאַקע תחית-המתים אויפגע-שטאַנען?

שוואַרץ: ביזט דײַן גלגול אָדער דו ביזט עס אין דער'אמת'ן אַליין?

ראָלער (אָבאַטעמענדיג): איך בין עס. איך לעב און בין גאַנץ. וואו, מײַינסטו, בין איך אַהינגעקומען?

שוואַרץ: פרעג דעם שוואַרץ יאָהר! מען האָט דאָך דיך אָבגע'משפט צום טויט?

ראָלער: דאָס איז טאַקע אַזוי, און נאָך מעהר. איך קום גלײַך פון דער תליה אַהער. נו, גיט מיר אַ ביסעל בראָנפען. (מען גיט איהם; ער טרינקט) יאָ, יאָ, גלײַך פון דער תליה קום איך אַהער. וואָס קוקט איהר מיך פערוואונדערט אָן, איהר קאָנט זיך עס נישט פאָרשטעלען? איך בין געווען דרײַ טריט פון דעם פער-שאָלטענעם לייטער, דורך וועלכען איך האָב בעדאַרפט קומען צו מײַן עלטער-זיידען. מײַן לעבען איז שוין ניט ווערטה געווען קיין שמעק טאַבאַק. דעם הויפטמאַן האָב איך צו פערדאַנקען פאַר אָט די לופט, פאַר אָט די פרײַהײַט און אָט דאָס לעבען.

שווייצער: דאָס איז געווען אַ שפּאַס, וואָס לאָזט זיך הע-רען. מיט איין טאָג פריהער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז ראָלער ליעגט גוט אין זאַלץ. „צו דער אַרבײַט!" האָט אַ געשריי-געטהון דער הויפטמאַן. צי מיר וועלען איהם מציל זײַן, צי נישט, אָבער לאָמיר איהם לכל-הפּחות אָנצינדען אַזאַ טרויער-פאַקעל, וועלכען מען האָט נאָך פאַר קיין איין קעניג ניט אָנגעצונדען. מען האָט צוזאַמענגערופען די גאַנצע חבריא. דערנאָך האָבען מיר געשיקט צו איהם מיט אַנ'עקספּרעס אַ צעטעל און יענער האָט איהם דאָס צעטעל אינ'ם סופּ אַרײַנגעוואָרפען.

ראָלער: איך האָב געצווייפעלט אין ערפאָלג.

שווייצער: מיר האָבען געוואַרט, ביז די גאַסען וועלען ווערען לעדיגער, ווארום די גאַנצע שטאָדט איז געגאַנגען צום ספּעקטאַקל. רײַטער, פוסגעהער, עקיפּאַזשען — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אינ-איינעם. דאָס גערויש האָט זיך געלאָזט הערען ווײַט. „איצט", האָט געזאָגט דער הויפטמאַן, „צינדט אָן!" די פײַלען פון בויגען האָבען זיך אונזערע קאַמעראַדען אַ וואָרף-געטהון און גלײַכצײַטיג אונטער-

געצונדען די שטאדט פון דריי־און־דרייסיג עקען. פייערדיגע לאמפען האבען מיר אונטערגעווארפען אין די פולווער־קעלער׳ס, אין די קלויסטער׳ס, אין פרויען, און עס איז ניט אוועק קיין פיערטעל שעה ווי עס האט זיך דערהערט איבער דער גאנצער שטאדט געשרייען, געוואלדען און יללות, עס פלאצען פולווער־קעלער׳ס, עס הילכען די גלעקער פון די קלויסטער׳ס און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז די ערד האט געפלאצט, דער הימעל האט זיך צושפאלטען.

ראלער: אקוראט אין דער צייט האט זיך אומגעקוקט מיין וואך. זי זעהט, די גאנצע שטאדט ליעגט איבערגעקעהרט ווי סדום און עמורה, דער האריזאנט איז אין פייער. א פאנישער שרעק ווארפט זיי אלעמען צו דער ערד. און אט מיט דעם מאמענט האב איך מיר בענוצט. אין דער צייט, ווען מיין וואך איז פערשטיינערט געווארען, אזוי ווי לוט׳ס ווייב, דערזעהענדיג די גאנצע איבערקעהרעניש, האב איך מיך לויז געמאכט, דורכגעריסען זיך דורך די רייהען סאלדאטען און אנטלאפען. אבגעלאפען א זעכציג פוס — האב איך אראבגעריסען פון זיך די קליידער, זיך אריינגעווארפען אין וואסער און געשוואומען אונטער׳ן וואסער. איך האב פערשטאנען, אז מיין וואך האט מיך שוין פערלארען פון אויג. מיין הויפטמאן האט געווארט אויף מיר מיט פערד און זאכען אויף דעם צווייטען ברעג טייך און אזוי האב איך מיך געראטעוועט. א, מאר, מאר. ווען דו פאלסט אריין אין אזא אומגליק און איך קאן דיר מיט דעמזעלביגען אבדיענען!

ראצמאן: א טייוועלשער וואונש, פאר וועלכען עס וואלט דיר געקומט הענגען. פונדעסטוועגען קאן מען צוגאנגען ווערען פאר געלעכטער פון דעם שפאס.

ראלער: דאס איז געוועזען הילף אין נויט. איהר זענט נישט אימשטאנד דאס אבצושאצען. ווען אויף אייער האלז וואלט געוועזען אנגעטהון א שטריק, ווען מען וואלט אייך וועלען אוועקשיקען אויף יענער וועלט אזוי ווי מיך, וואלט איהר געזעהן אט די פערשאלטענע צוגרייטונגען, אט די שרעקליכע צערעמאניע — מיט יעדען טריט, וואס אייער ציטערדיגער פוס מאכט, דערנעהנטערט איהר זיך צו דער שרעקליכער מאשין, וואס גלאנצט אויף דער פריהמארגען־זון — און דא, דערביי די ווארטענדיגע תלינים... א שרעקליכע מוזיק... בררר... און מיט אמאל לויז און פריי ווערען! א, דאס איז געוועזען אזא אויפרייס, אזוי ווי אויפ׳ן הימעל וואלט א רייף צו־

שפּאָלטען געוואָרען. ווען מען שפּרינגט פון אַ ברענענדיגען אויוען אין אייז־קאַלטען וואַסער אַריין, דערפיהלט מען נישט אַזאַ שנוי, ווי איך, ווען איך האָב זיך געפונען אויפ'ן צווייטען ברעג טייך.

שווייצער: דערצו נאָך האָבען אונזערע יונגען געפונען וואָס צו רויבען. ווייסטו ניט, שופטערלע, וויפיעל מענשען זענען דאָרט געפאַלען?

שופטערלע: מען זאָגט דריי־און־אַכציג מענשען. דער פולווער־קעלער אַליין האָט צושמעטערט זעכציג מענשען.

מאָר (זעהר ערנסט): ראָלער, דו ביזט טייער בעצאָהלט.

שופטערלע: באַ! באַ! וואָס הייסט עס אָבער? יאָ, ווען דאָס וואָלטען צום ווענינסטען געווען מענשען. אָבער דאָס זענען דאָך בלויז געווען וויקעל־קינדער, מאַמעס, וואָס האָבען אַראָבגעטריבען פון זיי די פליגען, איינגעבויגענע קאַליקעס, וואָס האָבען זיך נישט געקאָנט דערשלעפּען אַהיים, טראָגעדיגע וייבער, — מיט איין וואָרט, ווער עס האָט געהאַט אַ פוס, דער איז געגאַנגען צום ספּעקטאַקל. צופעליג בין איך פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי אַ שטוב, האָב איך דער־הערט אַ געוויין. איך האָב אַהין אַריינגעקוקט און האָב ביים שיין פון פייער דערזעהן אַ לעבעדיג געזונד קינד. דאָס איז געלעגען אויף דער ערד אונטער'ן טיש, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבען צו ברענען. „אָרים תיה'לע", האָב איך געזאָגט צום קינד, „דו ועסט דאָך דאָ פערפראָרען ווערען", און איך האָב דאָס אַריינגעוואָרפען אין פייער.

מאָר: דו לייגסט נישט, שופטערלע! טאָ זאָל אָט דאָס פייער אייביג ברענען דיין האַרץ! אַוועק, פערזעהעניש! זאָלסט זיך מעהר נישט ווייזען אין מיין באַנדע! וואָס, איהר זענט נישט צופריעדען? איהר פיהרט אַ שמועס וועגען דעם? ווער וואַגט עס צו קריטיקירען, וואָס איך בעפעהל? אַוועק, זאָג איך! פאַראַן נאָך פיעל פון אייך, אויף וועמען איך שאַרף מיינע ציינער! איך קען דיך, שפּיגעלבערג. גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום וועל איך שטרענג קאָנטראָלירען אייערע רייהען! (אַלע געהען מיט ציטערניש אָב. מאָר געהט אום אַליין הין און צוריק). הער זיי נישט פאָטער אין הימעל! וואָס קאָן איך מאַכען? וואָס קאָנסטו אַליין טהון, ווען הונגער, מגפות, פערפלייצונגען און אַלע אומגליקען, וועלכע דו שיקסט אָן אויף דעם מענשען, פערצעהרען דעם אָרענטליכען מיט'ן אויסוואורף צו־גליין. (מען הערט טראָמפּייטען שאַלען).

אַ רויבער קומט אַריין.

ר וֹי בֶ ר: הוֹיפּטמאַן! אַ סך בֶּעהמִישֶׁע רַייטער פּאָהרען אַרום אִין וואַלד. עמִיצער האָט אונז געוויס אַרויסגעגעבען.

## נאָך אַ רוֹיבער.

ר וֹי בֶ ר: הוֹיפּטמאַן! הוֹיפּטמאַן! זֵיי האָבען אָבגעלוֹיערט אונזער שפּוּר. עטלִיכע טויזענד סאָלדאַטען רִינגלען אונז אַרום.

## נאָך אַ רוֹיבער.

ר וֹי בֶ ר: אַנ'אוּמגלִיק! אַנ'אוּמגלִיק! מִיר זענען געפאַנגען, געראדערט, געפִירטעלט! הוּסאַרען, דראַגוּנער, יעגער האָבען פערנוּמען אַלע הוֹיכע פּלעצער און בּעוואַכען אַלע וועגען. (קאַרל גֶעהט אָב).

## די באַנדע רוֹיבער, שווייצער, גרִים, ראָלער, שוּפטערלע, שוואַרץ, שפּיעגעלבּערג, ראַצמאַן.

שׁוו ַי צ עֶ ר: מִיר האָבען זֵיי פון דִי בּעטען אויפגעהויבען. פרעה זִיך, ראָלער! קאַמעראַדען, מִיר ווֶעלען קעמפּפען פאַר לעבען און פרַייהַייט, מִיר ווֶעלען זֵיי בּעפאַלען און פערפלַייצען וויִ אַ שטורם. ווִי אַ בּלִיץ ווֶעלען מִיר שַיינען אִיבּער זֵייערע קעפּ. אָבּער, צוּם טַייוועל, וואו אִיז דער הוֹיפּטמאַן?

ש פּ ִי ע ג עֶ ל בּ עֶ ר ג: ער פערלאָזט אונז אִין אַזאַ אוּמגלִיק! צִי דען קאָנען מִיר זִיך שוין נִישט אַרויסדרעהען?

שׁוו ַי צ עֶ ר: אַרויסדרעהען?

ש פּ ִי ע ג עֶ ל בּ עֶ ר ג: אַ, פאַרוואָס בִּין אִיך נִישט פערבּלִיבּען אִין ירושלים?

שׁוו ַי צ עֶ ר: אַ, זאָלסטו דערוואָרגען ווערען! טוֹיטע נשמה'לע! געגען נאַקעטע מאָנאַשקעס בִּיזטו געווען אַ העלד, און אַז דו האָסט דערזעהן אַ פּאַר פּויסטען, שרעקסטו זִיך שוין!

ר אַ צ מ אַ ן: הוֹיפּטמאַן! הוֹיפּטמאַן!

## מאָר קומט אַרַיין לאַנגזאַם, רעדט עפּעס פאַר זִיך.

מ אָ ר: אִיך האָבּ זֵיי ערלויבּט אַרומרִינגלען אונז פון אַלע זַייטען, אָבּער אִיצט מוזען מִיר קעמפּפען אִיבּער דִי קרעפטען. (הוֹיך) קִינדער! אָדער מִיר זענען פערלאָרען, אָדער מִיר דאַרפען זִיך שלאָגען, ווִי פערוואונדעטע חיות!

שׁוו ַי צ עֶ ר: מִיט דִי פִינגער וועל אִיך זֵיי אויפשנַיידען דִי בַּייכער, אַזוי, אַז דִי געדערים זֵייערע ווֶעלען זִיך אַרויסלעגען אִיבּער'ן

וועג! פיהר אונז, הויפטמאן, מיר וועלען דיר נאכגעהן אפילו אין גיהנם!

מאר: לאדט אן די ביקסען! מיר האבען, שיינט מיר, גענוג פולווער?

שווייצער: פולווער האבען מיר אזוי פיעל, אז מען קאן אפילו די גאנצע ערד פונאנדעררייסען!

מאר: גוט! גוט! אלזא, איין טייל פון אונז זאל ארויפקלעטערען אויף די בוימער, אדער זאלען זיי זיך פערשטעקען אין וואלד און שיסען פון זייערע פערבעהאלטענע ערטער.

שווייצער: דאס איז דיין פאך, שפיעגעלבערג!

מאר: און מיר, די איבעריגע, וועלען זיך אריינשניידען אין זייער פראנט.

שווייצער: דאס איז שוין מיין פאך.

מאר: וויעדער זאל יעדערער בעזונדער אומשפרינגען איבער'ן וואלד פון איין ארט אויף דעם צווייטען מיט געשרייען און געפילדער, כדי אונזערע כחות זאלען זיי אויסוויזען שרעקליכער. לאזט אן אויף זיי אלע הינד, כדי זיי זאלען זיך פונאנדערפאלען און קומען אקוראט אונטער אונזערע קוילען. מיר דריי, איך, ראלער און שווייצער וועלען זיך שלאגען פון פראנט.

שווייצער: אויסגעצייכענט! גרויסארטיג! זיי וועלען דא האבען אזא מפלה, אז זיי וועלען אפילו ניט וויסען פון וואנען איז דאס זיי געקומען.

## א גייסטליכער קומט אריין.

גייסטליכער (פאר זיך): זאל דאס טאקע זיין די רויבערנעסט. (הויך) מיט אייער ערלויבניש, רבותי, איך בין א גייסטליכער. דארטען, הינטער מיר, שטעהען טויזענד זיעבען הונדערט מאן, וועלכע זענען פעראנטווארטליך פאר יעדען האהר פון מיין קאפ. (טהוט אויס דאס היטעל).

שווייצער: בראוואָ! בראוואָ! א גוטער אנהויב, דעם מאגען נישט צו פערקיהלען.

מאר: שוויינ, קאמעראד, — זאגט מיר אין קורצען, פאטער, וואס האט איהר דא צו טהון?

גייסטליכער: מיך שיקט אהער די הויכע מאכט, וועלכע שענקט לעבען און פער'משפט צום טויט. איהר, גנבים, רוצחים,

מערדער, גיפטיגע שלאַנגען, אויסוואורפען, וואָס אייערע שמוציגע לייבער זענען נאָר אַ מאכל פאַר שלאַנגען און עקדעשען און אַ מאַטעריאַל פאַר דער תליה און דעם ראָד...

שווייצער: הונד, הער אויף צו האַווקען, אָדער... (ווייזט איהם זיין ביקס).

מאָר: פוי, שווייצער! דו פערדאַרבסט איהם דעם קאָנצערט! ער האָט אַזוי גוט אויסגעלערנט די דרשה אויסווענינ. ווייטער דרשנ'ט, הייליגער פאָטער: „פאַר דער תליה און דעם ראָד“.

גייסטליכער: און דו ביזט אַ בראַווער הויפטמאַן! אַ העד־צאָג פון בייטעל־שניידערס! אַ קעניג איבער גנבים! אַ גרוים מאָגאָל פון אַלע אויסוואורפען פון אונטער דער זון! די זיפצען פון די פערראומגליקטע מאַמעס געהען נאָך דיין שפור. בלוט זויפסטו, ווי וואַסער, מענשען זענען פאַר דיין גולג'ישען שווערד פונקט ווי זייף־בלאָזען.

מאָר: ריכטיג! ריכטיג! נו, ווייטער!

גייסטליכער: וואָס ריכטיג? לחלוטין ריכטיג! איז עס אָבער דען אַנ'ענטפער!

מאָר: האָט איהר זיך דען ניט געגרייט צו אַזאַ דרשה, הייליגער פאָטער! נו, ווייטער, ווייטער, וואָס וועט איהר נאָך זאָגען?

גייסטליכער (מיט היץ): שרעקליכער מענש, געה אַוועק פון מיינע אויגען! האָט זיך דען ניט צוגעקלעבט דאָס בלוט פון דעם דער'הרג'עטען גראַף צו דיינע פינגער, אַזוי ווי פעך? האָסטו דען נישט גע'גנב'עט גאָט'ס הייליגטום אין דעם הייליגען טעמפעל? האָסטו דען נישט אונטערגעצונדען אונזער גאָטס־פאָרכטיגע שטאָדט? האָסטו דען נישט אויסגעריסען דעם פולווער־קעלער איבער די קעפ פון די אָרענטליכע בירגער? אַ שרעקליכער, אַ גרויזאַמער פערברעכער! (פאַטשט מיט די הענד).

מאָר: ביז איצט איז געווען גוט גע'דרשנ'ט! אָבער צו דער זאַך! זאָגט מיר, וואָס לאָזט מיר דורך אייך צו וויסען דער טיעפ־געשעצטער מאַגיסטראַט.

גייסטליכער: דאָס, וואָס דו ביזט נישט ווערטה צו הערען. קוק זיך אַרום, רוצח, פון אַלע זייטען ביזטו אַרומגערינגעלט פון אונזערע רייטער! פון דאַנען קאָן מען שוין נישט אַנטלויפען! איהר וועט קאָנען נאָר דעמאָלט פערלאָזען די דעמבען און די סאָסנעס, ווען אויף זיי וועט אָנהויבען צו וואַקסען קאַרשען און פאַרעטשקעס.

מאר: דו הערסט, שווייצער, אבער ווייטער!

גייסטליכער: הער דאך אבער, גזלן, ווי גוט און ווי פיין עס בעציהט זיך צו דיר דאס געריכט. אויב דו וועסט נאכגעבען און וועסט אליין געהן בעטען מחילה, דעמאלט וועט די שטרענגקייט זיין פאר דיר א מין דערבארימונג. די געכטיגקייט — א היימע מאמע. דאס געריכט וועט אויף א העלפט פון דיינע פערברעכענס צומאכען זיינע אויגען — און דו וועסט בלויז זיין — בעדאכט נאר — געראדערט!

שווייצער: דו הערסט, הויפטמאן! לאז מיר אט דעם הונד צודריקען דעם גארגעל אזוי, אז דאס בלוט זאל אנהויבען צו פליצען פון אלע זייטען!

ראלער: הויפטמאן! דונער און בליץ! הויפטמאן! ווי ער האט פערביסען די אונטערשטע ליפ! ערלויבט מיר אויפהענגען דעם נארנישט מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף.

שווייצער: מיר! מיר! אויף די קניה בעט איך דיך! ערלויב מיר איהם צוטרעטען אויף שטויב.

(דער גייסטליכער שרייט).

מאר: טרעט אב פון איהם! קיינער זאל נישט וואגען איהם אנצוריהרען. (צום גייסטליכען) איהר זעהט, הייליגער פאטער! דא שטעהען ניין-און-זיעבציג מענשען, און דער הויפטמאן בין איך! קיינער פון זיי ווייסט נישט דעם צייכען צו אנטלויפען אדער טאנצען אונטער דער הארמאטען-מוזיק. און דארט שטעהען זיעבעצעהן הונדערט מאן, וועלכע זענען גרוי געווארען אונטער'ן ביקס. אבער הערט וואס עס זאגט מאר, דער הויפטמאן פון גזלנים און אונטערצינדער! אמת טאקע, איך האב דערהרג'עט דעם גראף, צורויבט דאס קלויסטעריל, אונטערגעצונדען אייער שטאדט און אויפגעריסען דעם פולווער-קעלער איבער די קעפ פון די ערענטליכע איינוואוינער! אבער דאס איז נאך ניט אלץ! איך האב נאכמעהר אויפגעטהון! (ציהט אוים די רעכטע האנד) איהר זעהט די טייערע רינגען אויף מיינע פינגער? געהט און גיט איבער אלץ, וואס איהר זעהט און הערט, דעם הויכגעריכט, וואס שענקט דאס לעבען און פער'משפט צום טויט! אט דעם רובין האב איך אראבגעצויגען פון א מיניסטער'ס א פינגער, וועלכען איך האב ביי די פיס פון זיין קעניג דער'הרג'עט אויף יאגד. אט דעם דימענט האב איך אראבגעשלעפט ביי א פינאנסראטגעבער, וועלכען איך האב דער'הרג'עט דערפאר, ווייל ער פלעגט

די הויכע גוטע שטעלעס איבערגעבען די יעניגע, וועלכע האָבען מעהר געצאָהלט, און אַט דעם טייערען שטיין טראָג איך צום אָנדענקען פון אַ גלח, וועלכען איך האָב מיט מיינע אייגענע הענד דערשטיקט דערפאַר, וואָס ער האָט פון דער בימה אַראָב געקלאָגט, וואָס די אינקוויזיציע איז געמינערט געוואָרען. איך וואָלט אייך דערצעהלט נאָך פיעל מעשיות וועגען מיינע רינגען, ווען איך זאָל נישט חרטה האָבען אויף די עטליכע ווערטער, וואָס איך האָב איצט אויף אייך פערפטר'ט.

גייסטליכער: שרעקליך! אַ מורא! (זיפצט).

מאָר: הערט איהר? האָט איהר בעמערקט דעם זיפץ? וויל ער דען נישט אַרונטערברייננגען אַ פייער פון הימעל אויף אונז, זינדיגע? וויל ער אונז דען ניט פערשילטען מיט זיין זיפץ? אָ, איהר גרויסהאַלטער! קיין אמת איז ביי אייך נישטאָ! פיהרט איהם אַוועק פון מיינע אויגען!

גייסטליכער: אַ רוצח, און זאָל אַזוי שטאָלץ זיין!

מאָר: דאָס איז נאָך ווייניג! ערשט איצט וועל איך אָנהויבען ריידען מיט שטאָלץ! געהט און זאָגט דעם הויכגעריכט, וואָס שענקט דאָס לעבען און פערמשפט צום טויט... איך בין נישט קיין גנב, וואָס מאַכט שותפות מיט שלאָף און נאַכט, אַ גנב, וואָס קלעטערט אויף לייטערס און דורך די פענסטער! אַלץ, וואָס איך האָב געטהון, וועל איך געוויס לעזען אויפ'ן הימעל ביי גאָט אין בוך, וואו עס זענען פערצייכענט אַלע פערברעכענס, אָבער דאָ, אויף דער ערד, וועל איך ניט פטר'ן אומזיסט קיין ווערטער מיט די באַרימהאַרציגע פערטרעטער. זאָג זיי, אַז מיין מלאכה איז צושטערונג און נקמה איז מיין עסק! (קעהרט זיך אַוועק פון איהם).

גייסטליכער: אַלזאָ, ווילסטו ניט, אַז מען זאָל דיר מוחל זיין און בעגנעדיגען! גוט, בין איך מיט דיר שוין פאַרטיג. (ווענדט זיך צו דער באַנדע) נו, אפשר וועט איהר הערען, וואָס די גערעכטיגקייט טהוט אייך מאַכען צו וויסען דורך מיר! ווענט איהר גלייך איבערגעבען אין די הענד פון גערעכטיגקייט אָט דעם רוצח, וועט אייך פערגעסען ווערען אַלע אייערע פערברעכען! די הייליגע קירכע וועט אייך, פערלאָרענע שעפעלעך, אויפנעהמען מיט נייער ליעבע און יעדער פון אייך וועט האָבען אַ צוטריט צו אַמטען און שטעלען. (מיט נצחונ'דיגען געלעכטער) נו, ווי שמעקט דאָס אייך, רבותי? נו, חברה, בינדט איהם און איהר זענט פריי!

מאָר: איהר הערט? איהר הערט? פֿאַרוואָס האָט איהר אַראָבּ־געלאָזט די נעזער? וואָס טראַכט איהר נאָך? די גערעכטיגקייט שענקט אייך פֿרייהייט אין דער צייט, ווען איהר זענט כמעט ווי געפֿאַנגענע; זי שענקט אייך לעבען, און דאָס איז נישט קיין קליינעגקייט, וואָרום איהר זענט סיי־ווי־סיי פֿער׳משפּט צום טויט. זי פֿערזיכערט אייך מיט כּבוד און שטעלעס — און וואָס ערוואַרט אייך, אויסער שאַנד, קללות און פֿערפֿאָלגונג, אַפילו ווען איהר זאָלט דאָסמאָל פֿערבלייבען די זיעגער? זי פֿערזיכערט אייך גאָט׳ס מחילה, און איהר זענט דאָך אין אמת׳ן פֿערשאָלטענע. נישטאָ דאָך ביי אייך קיין איין האָהר אויפ׳ן קאָפּ, וואָס זאָל נישט דאַרפֿען געהן אין גיהנם אַריין! איהר קווענקעלט נאָך? איז דען אַזוי שוועער דער אויסוואַהל צווישען גן־עדן און גיהנם? העלפֿט איהר מיר זיי איבּערריידען, הייליגער פֿאָטער!

גייסטליכער (פֿאַר זיך): צי איז ער נישט משוגע געוואָרען? (הויך) אפשר מיינט איהר, אַז דאָס איז נאָר אַ נעץ צו פֿאַנגען אייך לעבּעדיגע? טאָ נאָט לייענט אַליין. דאָ איז אונטערגעשריבּען פֿולע מחילה. (גיט שוויצער׳ן אַ פּאַפּיר. איינער גיט איבּער דעם צווייטען) נו, רבותי, קאָנט איהר נאָך צווייפֿלען?

מאָר: זעהט איהר? זעהט איהר? נו, איז וואָס קאָנט איהר מעהר פֿערלאַנגען? אייגענהענטיג אונטערגעשריבּען. דאָס איז אַ גוואַלדיגער חסד! אפשר מיינט איהר, אַז זיי וועלען נישט האַלטען וואָרט, מחמת איהר האָט דאָ געהערט, אַז בּנוגע צו פֿערברעכער מעג מען דאָס וואָרט נישט האַלטען? אָ, האָט נישט מורא! זייער אייגענער אינטערעס וועט זיי צווינגען האַלטען וואָרט, עס מעג געגעבּען ווערען דעם טייוועל אַליין!

גייסטליכער: וואָס פֿאַר אַ מכשף רעדט עס פֿון איהם אַרויס. יאָ, געוויס, געוויס! דער אויסוואורף צומישט מיינע רעיונות.

מאָר: ווי? איהר גיט נאָך אַלץ נישט קיין ענטפֿער? רעכענט איהר נאָך דורכצורייסען זיך מיט געוועהר אין די הענד? קוקט אייך אָבּער אַרום, קוקט אייך אַרום! אויף דעם האָט איהר נישט וואָס צו האָפֿען. דאָס וואָלט געוועזען קינדערשע האָפֿנונגען! אָדער איהר קוויקט זיך מיט דער האָפֿנונג, אַז איהר וועט פֿאַלען, ווי העלדען, ווייל איהר האָט געזעהן, ווי איך האָבּ זיך דערפֿרעהט מיט׳ן שטרייט? אָ, גלויבּט נישט דערין! קיינער פֿון אייך איז נישט מאָר! איהר זענט פּראָסטע גנבים, אַ געצייג צו מיינע גרויסע פּלענער, אַ שטריקעל בּיים תּלין אין די הענד. (פּויזע) ווי, נאָך ניט בּעשלאָסען? זענט

איהר משוגע! איך וועל אייך נישט בעדאַנקען פאַר מיין לעבען! איך שעם מיך מיט אייער קרבן!

גייסטליכער (נשתומם): איך ווער משוגע! איך לויף אוועק פון דאַנען! האָט מען נאָך ווען עס איז געהערט אַזאַ זאַך?

מאָר: אפשר האָט איהר מורא, איך זאָל מיר אַליין נישט נעהמען דאָס לעבען דורך זעלבסט=מאָרד, און דערמיט וועל איך צורייסען די תנאים, וואָס האָבען נאָר אַ קראַפט ביי מיין לעבען? ניין, ברידער! דערפאַר דאַרפט איהר נישט מורא האָבען! איך וואַרף אוועק מיין שפּיז, מיין פּיסטאָלעט און דאָס פלעשעלע גיפט, וואָס זאָלט מיר אַמאָל צוניץ געקומען. איך בין אַזוי צובראָכען, אַז איך האָב אויך פערלאָרען די מאַכט איבער מיין לעבען! (פויזע) ווי, נאָך ניט בעשלאָסען? מיינט איהר אפשר, אַז איך וועל זיך פערטיידיגען, ווען איהר וועט מיך וועלען בינדען? זעהט. איך בינד צו מיין רעכטע האַנד צו אָט דעם בוים און איך בין שוין איצט אינגאַנצען אָהן כחות, אַ קליין קינד קאָן מיך אומוואַרפען! ווער פון אייך וועט דער ערשטער פערלאָזען זיין הויפּטמאַן אין אַ נויט?

ראָלער (אין ווילדער בעוועגונג): אַפילו דער גיהנם זאָל אונז אַרומרינגלען. (נעהמט אַרויס זיין שווערד) ווער עס איז נישט קיין הונד, דער זאָל ראַטעווען זיין הויפּטמאַן!

שווייצער (צורייסט דאָס פּאַפּיר און וואַרפט די ברעקלעך דעם גייסטליכען אינ'ם געזיכט): אוועק, קאַנאַליע! געה, זאָג דעם סענאַט, וועלכער האָט דיך געשיקט, אַז דו האָסט קיין איין פעררעטער נישט געפונען אין מאָר'ס באַנדע. ראַטעוועט דעם הויפּטמאַן! ראַטעוועט! (גייסטליכער, שרייענדיג, אַב).

אַלע: דער הויפּטמאַן! דער הויפּטמאַן!

מאָר (רייסט זיך אַב פון בוים מיט שמחה): איצט זענען מיר פריי, קאַמעראַדען! איך פיהל אין מיין פויסט אַן אַרמעע. טויט אָדער פרייהייט! ווענינגסטענס, לעבעדיגערהייד זיך נישט אונטערגעבען זיי! (מען טרומייטערט צו אַן אַטאַקע. גערויש און פערווירונג. אַלע געהען אַב מיט בלויזע שווערדען).

(פאַרהאַנג).

# דריטער אקט.

---

## ערשטע סצענע.

### אמאליע שפיעלט אין גארטען אויף א ליוטנע. פראנץ.

פראנץ: וויעדער ביזטו דא, דו עקשנ׳טע? דו ביזט אוועק פון פרעהליכען מיטאג און קאליע געמאכט די שטימונג די געסט.

אמאליע: טאקע א שאד די אונשולדיגע פריידען! אין דיינע אויערען דארף נאך אבקלינגען דאס טרויער-ליעד ביי דער לויה פון דיין פאטער.

פראנץ: ווילסטו דען אייביג קלאגען? לאז די טויטע שלאפען און די לעבעדיגע גיב גליק! איך בין געקומען...

אמאליע: און ווען געהסטו אוועק?

פראנץ: מאך ניט פאר מיר אזא שטאלצע מינע! דו בע-טריבסט מיך, אמאליע, איך בין געקומען דיר זאגען...

אמאליע: איך מוז אויסהערען: פראנץ פאן-מאר איז דאך איצט אונזער גנעדיגער הערר.

פראנץ: דאס איז אמת. און וועגען דעם טאקע בין איך געקומען מיט דיר ריידען. מאקסימיליאן איז שוין טויט, ער איז געגאנגען שלאפען צו זיינע עלטערן אין סקלעפ. און איך בין איצט הערר. אבער איך וואלט וועלען פאלשטענדיג דאס זיין. אמאליע! דו ווייסט, וואס דו ביזט געווען אין אונזער הויז? ביזט ערצויגען געווארען ווי מאר׳ס א טאכטער. דו וועסט עס קיינמאל נישט פער-געסען?

אמאליע: קיינמאל, קיינמאל נישט! ווער קאן דען זיין אזוי לייכטזיניג און ביים לוסטיגען מיטאג דאס פערגעסען?

פראנץ: מוזט דו אבער פאר מיין פאטערס ליעבע זיינע זיהן בעלוינען. קארל איז טויט און פראנץ קומט איצט און לעגט פאר זיין האנד, זיין הארץ, זיין גאנץ פערמעגען, שלעסער, וועלדער — אנ׳ארעמער, הילפסלאזער יתומה. פראנץ, פאר וועלכען אלע צ. טערען,

וועלכען אַלע זענען מקנא, אַט דער פראַנץ ערקלערט זיך פרייוויליג פאַר אַמאַליעס קנעכט.

אַמאַליע: אָ, פאַרוואָס האָט דער בליץ נישט צושפּאָלטען אַט די צונג פאַר די דאָזיגע פרעכע ווערטער? דו האָסט דערהרג'עט מיין געליעבטען און איך זאָל דיך רופען מיין מאַן? דו...

פראַנץ: נישט אַזוי היים, מיין אַלגנעדיגע פּרינצעסין! נישט אַזוי היציג. פראַנץ זאָגט נאָר, און אַז מען ענטפערט איהם נישט, בעפעהלט ער.

אַמאַליע: דו, וואָרים, בעפעהלען? מיר בעפעהלען? נו, אַז דיין בעפעהל ווערט ביין אויסגעלאַכט?

פראַנץ: דאָס וועסטו ניט טהון. איך ווייס פון אַזעלכע מיטלען, וועלכע וועלען בויגען ביז צו דער ערד דעם שטאָלץ פון דיין פערעקשנטען קאָפּ. דאָס איז אַ מאָנאַסטיר.

אַמאַליע: בראַוואָ! גרויסאַרטיג! זיין אין אַ מאָנאַסטיר און פּטור ווערען אויף אייביג פון דיינע שלאַנגען-אויגען און האָבען די מעגליכקייט צו טראַכטען וועגען קאַרל'ן. איך וועל זיין זעהר צופריעדען מיט דיין קלויסטער! אָבער שנעלער, שנעלער!

פראַנץ: חאַ, חאַ, חאַ! אַזוי איז עס? זעה-נאָר, איצט האָסטו מיר אַליין בעוויזען, ווי איך זאָל דיך פּייניגען. מיין שרעקליכער בליק וועט אַרויסשלאָגען פון דיין קאָפּ די טרוימען וועגען קאַרל'ן. מיט אַ שווערד אין דער האַנד וועל איך אַרויסרייסען פון דיין האַרצען די שבועה. מיט גוואַלד וועל איך נעהמען דיין מיידעלשע בעט און די שטאָלצע בושה דיינע וועל איך נאָך מיט אַ גרעסערען שטאָלץ בעזיעגען.

אַמאַליע (גיט איהם אַ פּאַטש): דערווייל נעהם דאָס אין נדן אַריין.

פראַנץ (בייז): טויזענד מאָל מעהר וועסטו פון מיר קריגען. נישט פאַר מיין פרוי וועל איך דיך מאַכען, אַזאַ כבוד ביזטו נישט ווערטה! מיין מעטרעסע וועסטו זיין, אַז די ערליכע פויערשע ווייבער זאָלען טייטלען אויף דיר מיט די פינגער, ווען דו וועסט זיך נאָר ווייזען אויף דער גאַס. קריץ מיט די ציינער, ברען מיך מיט דיין בליק... דער כעס פון אַ פרוי פערווייזט מיך ממש און דיך מאַכט ער שענער און עס טרייבט מעהר צו דיר. קום צו מיר אין מיין צימער... איך ווער פערברענט פון תאוה... שוין זאָלסטו געהן מיט מיר! (וויל זי אַריינטרייבען אין צימער).

אמאליע (פאַלט איהם אויפ'ן האַלז): פערגיב מיר, פראַנץ! (אין דער צייט ווען ער וויל זי אַרומנעהמען, רייסט זי אַרויס ביי איהם דעם קינזשאַל און שפרינגט אָב) דו זעהסט, מערדער, וואָס איך קאָן איצט מאַכען מיט דיר? איך בין אַ פרוי, אָבער אַ משוגע'נע פרוי! וואַג נאָר בעריהרען מיין גוף מיט דיינע שמוציגע הענד! אָט דער שטאָהל וועט דורכלעכערן דיין האַרץ! דער גייסט פון דיין פערשטאָרבענעם פאָטער וועט פיהרען מיט מיין האַנד... אַוועק פון דאַנען! (יאָגט איהם אַרויס).

(פאָרהאַנג).

---

# צווייטע סצענע.

די אומגעגענד אַרום דעם גראַף מאָר'ס שלאָס. רויבער מאָר. קאָסינסקי פון ווייטען.

מאָר: געה פאָראויס און מעלד וועגען מיר. דו געדענקסט אַלץ, וואָס דו האָסט צו זאָגען?

קאָסינסקי: איהר זענט דער גראַף פאָן-בראַנד, איהר קומט פון מעקלענבורג, און איך בין אייער משרת. איהר קאָנט זיך אויף מיר פערלאָזען, מיין ראָל וועל איך אויספיהרען גוט. אַדיע! (אָב).

מאָר: זיי מיר געגריסט, מיין ליעב שטיקעל ערד! (קושט די ערד). מיין היימישער הימעל! מיין היימישע זון! איך בעגריס אייך האַרציג אַלעמען, אַלעמען — די פעלדער און די וועלדער, און די שטראָמען און די קוואַלען! ס'אַרא ליעב ווינטעל עס וועהעט פון מיינע היימישע בערג! אַ גן-עדן איז דאָ. אַ פאָעטישע וועלט! פאַמעליך, מאָר! דיין פוס טרעט איצט אויף אַ הייליגען אָרט. (קומט נעהנטער). זעה — אָט זענען די נעסטען פון די שוואַלבען אויפ'ן הויף פון שלאָס, דאָס טהירעלע פון גאָרטען און אַ ווינקעלע ביים סוף פאַרקאַן, וואו דו פלעגסט אַזוי אָפט אונטערהאָרכען דעם פאַנגער און רייצען זיך מיט איהם. (שמייכעלט). פון דאָס ניי לעבען אויף די גאָלדענע יוגענד-יאָהרען אין דער נשמה פונ'ם אומגליקליכען!... דו ביזט דאָ געוועזען אַזוי גליקליך, אַזוי ריין, אַזוי פרעהליך, און איצט ליעגען דאָ די קברים פון דיינע האָפנונגען! אָט דאָ האָסטו בעדאַרפט אַמאָל לעבען ווי אַ גרויסער, אַ בעוואוסטער און אַ געשעצטער מענש... אָט דאָ האָסטו בעדאַרפט נאָכאַמאָל

איבערלעבען די קינדהייט מיט אמאליע'ס בליהענדע קינדער־יאהרען... אט דא האסטו בעדארפט זיין די נחמה פון דיין פאלק... (בלייבט שטעהן). נאך וואס בין איך געקומען אהער? אום איך זאל מיך פיהלען, ווי דער געפאנגענער, וואס דער קלאנג פון זיינע קייטען האט איהם צוריסען דעם חלום פון פרייהייט? ניין, איך וועל אוועק צוריק צו מיין אומגליק! דער געפאנגענער האט שוין פערגעסען אן דעם שיין, נאר דער חלום פון פרייהייט האט א לייכט געטהון פאר איהם, ווי א בליץ אין מיטען דער נאכט, און נאכדעם איז געווארען דונקעלער. אדיע, מיינע ליעבע טהאלען! אמאל האט איהר געזעהן דאס יונגעלע קארל'ן, און אט דאס יונגעלע איז געוועזן גליקליך!... איצט שטעהט פאר אייך א דערוואקסענער מאנסביל, וואס איז דורך אין יאוש... (קעהרט זיך אום אין דער צווייטער זייט און קוקט פערטראכט אויפ'ן פאטער'ס שלאס). אפילו זי נישט זעהן... בלויז איין וואנד טיילט פונאנדער אמאליע'ן פון מיר! ניין, איך מוז זי זעהן! מוז איהם זעהן! — אפילו ווען דאס זאל מיר קאסטען דאס לעבען, מוז איך זי זעהן! (קעהרט זיך אום). פאטער, פאטער, דיין זוהן קומט! אמאליע, פאטער! דיין קארל קומט! (בלייבט שטעהן פאר'ן טויער). וואס איז מיט מיר? וואס איז דאס, מאר? א מאנסביל זיי! די מורא פאר'ן טויט...

---

## דריטע סצענע.

שלאס־גאלערעע, רויבער מאר און אמאליע קומען אריין.

אמאליע: און איהר זענט זיכער, אז איהר וואלט דערקענט זיין פארטרעט צווישען א סך אנדערע?

מאר: א, געוויס! זיין געשטאלט איז שטענדיג געשטאנען פאר מיינע אויגען, ווי א לעבעדיגע. (קוקט די בילדער). דאס איז נישט ער. און דאס איז אויך נישט ער... און דער אויך נישט ער... און יענער אויך נישט. צווישען אט די אלע בילדער איז ער נישטא.

אמאליע: ווי? קוקט זיך נאר גוט צו. איך האב געמיינט, אז איהר האט איהם געקענט...

מאר: מיין אייגענעם פאטער האב איך נישט געקענט בעסער! איהם פעלט דער שטריך ביים מויל, וואס פלעגט איהם צוגעבען

אַן־אויסדרוק פון גוטסקייט. און צוליעב אָט דעם דאָזיגען שטריך וואָלט מען איהם געקאָנט דערקענען צווישען טויזענדער... דאָס איז נישט ער.

אַמאַליע: ווי? אינגאַנצען אַכטצעהן יאָהר נישט זעהן, און נאָך...

מאָר (שנעל רויט ווערענדיג): אָט דאָס איז ער! (בלייבט שטעהן ווי אַן־אונטערגעשאָסענער).

אַמאַליע: אַן־אויסגעצייכענטער מענש!

מאָר (קוקט פערטיעפט): פאָטער! פאָטער! זיי מיר מוחל! יאָ, אַן־אויסגעצייכענטער מענש! (ווישט די אויגען). אַ געטליכער מענש!

אַמאַליע: אַפנים, אַז איהר נעהמט זיך שטאַרק צום האַרצען וועגען איהם?

מאָר: אָ, אַן־אויסגעצייכענטער מענש! און ער איז געשטאָרבען.

אַמאַליע: געשטאָרבען! ווי אונזערע בעסטע האָפנונגען שטאַרבען! (נעהמט איהם ביים האַנד). ליעבער גראַף, נישטאָ קיין גליק אונטער דער זון!

מאָר: זעהר ריכטיג, זעהר ריכטיג! ווייסט איהר עס דען פון דער פּראַקטיק? איך איז דאָך נישט מעהר ווי דריי־און־צוואַנציג יאָהר?

אַמאַליע: יאָ, איך האָב מיך עס דערוואוסט פון דער פּראַקטיק! אַלץ לעבט דערויף, כדי דערנאָך טרויעריג צו שטאַרבען. מיר דאַרפען פאַר אַלץ, מיר סטאַרען זיך אַלץ צו ערווערבען, כדי דאָס אַלץ מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען צו פערליערען.

מאָר: האָט איהר שוין עפּעס פערלאָרען?

אַמאַליע: גאָרנישט! אַלץ! גאָרנישט! קומט ווייטער, גראַף!

מאָר: אַזוי אייליג? וועמעס איז דער פּאָרטרעט פון דער רעכטער זייט? מיר שיינט, אַז דאָס איז אויך אַן־אומגליקליכע פּערזאָן.

אַמאַליע: דאָס בילד פון דער לינקער זייט — דאָס איז דעם גראַפ'ס זוהן, דער איצטיגער הערר. לאָמיר געהן! לאָמיר געהן!

מאָר: און אָט דאָס בילד פון דער רעכטער זייט?

אַמאַליע: ווילט איהר אפשר געהן אין גאָרטען?

מאָר: אָבער דאָס בילד פון דער רעכטער זייט? דו ווייסט, אַמאַליע?

אַמאַליע (איילינג אָב).

מאָר אליין.

מאָר: זי האָט מיך ליעב! זי האָט מיך ליעב! איהר גאַנץ וועזען האָט געציטערט, טרעהרען האָבען פעערעטעריש געגאָסען פון די אויגען. זי האָט מיך ליעב! אומגליקליכער, צי האָסטו עס פערדיענט? שטעה איך דאָ נישט, ווי אַ פערמשפט'ער פאַר'ן עשאַפאָט? איז דאָס נישט די סאָפע, אויף וועלכער איך האָב אַזוי פיעל פערגעניגען געשעפט? זענען דאָס נישט דעם פאָטער'ס צימערן? (פאַר'ן פאָטער'ס בילד). דו... דו... פייערפלאַמען פון דיינע אויגען — אַ קללה, אַ קללה און פערשטויסונג! וואו בין איך? נאַכט איז פאַר די אויגען... אַ מורא... גאָט מיינער! איך, איך האָב איהם דערהרג'עט! (אַנטלויפט).

דניאל מיט פראַנצ'ן קומען אַריין.

ביי דניאל'ן אין האַנד איז וויין.

פראַנץ: אָט דאָ שטעל אַוועק דעם וויין. קוק מיר גלייך אין די אויגען. ווי עס ציטערן דיר די קניה! דו פיבערסט אינגאַנצען; זיי זיך מודה, אַלטיטשקער, וואָס האָסטו געטהון?

דניאל: גאָרנישט, פריץ! איך שווער דיר מיט גאָט, אַז גאָרנישט!

פראַנץ: טרינק אויס דעם וויין! וואָס? וואָס געווערט עס ביי דיר? זאָג מיר גיכער, וואָס האָסטו אַריינגעוואָרפען אינ'ם וויין?

דניאל: זאָל מיך גאָט אָבהיטען! וואָס? איך — אינ'ם וויין אַריין?...

פראַנץ: סם האָסטו אַריינגעוואָרפען אינ'ם וויין! ביזט נישט בלאַס געווען, ווי דער טויט? זיי זיך מודה! זיי זיך מודה! ווער האָט דיר געגעבען סם? דער גראַף האָט דיר געגעבען, דער גראַף?

דניאל: דער גראַף? רבונו של עולם! דער גראַף האָט מיר גאָרנישט געגעבען!

פראַנץ (חאַפּט איהם אָן ביים האַרצען): איך וועל דיך אַזוי צושטיקען, אַז דו וועסט ביי מיר בלוי ווערען, אַלטער ליגנער! גאָרנישט? טאָ פאַרוואָס זענט איהר נאָר צוזאַמען, דו, ער און אַמאַליע? וועגען וואָס סוד'עט איהר זיך כסדר? זאָג, וואָס פאַר אַ סודות האָט ער דיר פערטרויט?

ד נ י א ל: גאָט אין הימעל ווייס, אַז ער האָט מיר קיינע סודות נישט פערצעהלט.

פ ר אַ נ ץ: ווייסט נאָך ווייטער לייגען? וואָס פאַר אַ אינטריגעס האָט איהר דאָ פערפיהרט, כדי מיך אָבצוראַמען פון וועג? איהר האָט מיך אין שלאָף געוואָלט דערשטיקען? דעם האַלז איבערשניידען ביים ראַזירען? סם אַריינשיטען אין'ם וויין אָדער שאָקאָלאַד? ריידט! ריידט! איך ווייס אַלץ!

ד נ י א ל: זאָל מיך גאָט פערלאָזען אין אַנ'אומגליק, אויב איך זאָג אייך אַ ליגען!

פ ר אַ נ ץ: דאָס מאָל בין איך דיר מוחל! אָבער ער האָט דיר מסתמא אַריינגערוקט געלד אין יד אַריין. ער האָט דיר געדריקט די האַנד שטאַרקער, איידער מען דאַרף — ווי מען דריקט, למשל, די האַנד גאָר אַנ'אַלטען בעקאַנטען.

ד נ י א ל: קיינמאָל נישט, פריץ!

פ ר אַ נ ץ: צי האָט ער דיר נישט געזאָגט, צום ביישפיעל, אַז ער קען דיך טייליווייז, אַז דו דאַרפסט איהם אויך קענען... אַז מיט דער צייט וועסטו אָנהויבען עפּעס צו פערשטעהן... אַז... וואָס, ער האָט מיט דיר קיינמאָל נישט גערעדט וועגען דעם?

ד נ י א ל: לחלוטין גאָרנישט.

פ ר אַ נ ץ: אַז איינינע אומשטענדען האַלטען איהם אויף... אַז צייטענווייז מוז מען אָנטהון אַ מאַסקע, כדי צו זעהן, וואָס ביים שונא טהוט זיך... אַז ער וועט פאַר זיך נקמה נעהמען, גרויזאַם נקמה נעהמען?!

ד נ י א ל: קיין איין וואָרט נישט.

פ ר אַ נ ץ: וואָס? גאָרנישט?! גיב נאָר גוט אַ טראַכט! ער האָט דיר מסתמא דאָך געזאָגט, אַז ער האָט זעהר גוט געקענט דעם אַלטען פריץ... זעהר גוט... אַז ער האָט איהם ליעב... זעהר ליעב... ווי אַ זוהן, ליעב...

ד נ י א ל: עפּעס עהנליך דערויף, אויף וויפיעל דער זכרון מיינער דיענט מיר, האָב איך יאָ געהערט פון איהם.

פ ר אַ נ ץ (בלאַס): טאַקע, ער האָט אַזוי געזאָגט? ווי פאָרט? דערצעהל־זשע! ער האָט געזאָגט, אַז ער איז מיין ברודער?

ד נ י א ל (פערוואונדערט): וואָס אַזוינס, פריץ! ניין, דאָס האָט ער נישט געזאָגט! דאָס פריילין האָט איהם געפיהרט איבער דער גאַלערעע, און איך האָב גערייניגט דעם שטויב. פלוצלונג איז ער

געבליבען שטעהן פאר דעם פערשטארבענעם פריץ'ס בילד, ווי א דונער וואלט איהם געטראפען. דאס פריילין האט איהם אנגעוויזען אויפ'ן בילד און געזאגט: „אנ'אויסגעצייכענטער מענש!" „יא, אנ־אויסגעצייכענטער מענש!" האט ער געענטפערט און אויסגעווישט די אויגען.

פראנץ: הער, דניאל! ווייסט דאך, אז צו דיר בין איך שטענדיג געווען גוט, האסט ביי מיר געהאט עסען און קליידונג און איך האב דיך בעפרייט אויף דער עלטער פון אלע ארבייט.

דניאל: זאל אייך גאט בעצאהלען דערפאר. איך האב אייך שטענדיג טריי געדיענט.

פראנץ: אט דאס האב איך דיר טאקע געוואלט זאגען. דו האסט מיר שטענדיג געפאלגט, מחמת דו האסט גוט געוואוסט, אז דו ביזט מחויב צו פאלגען אלע מיינע בעפעהלען.

דניאל: פון גאנצען הארצען, אויב דאס איז נאר ניש[ט] געגען גאט און געגען יושר.

פראנץ: נארישקייטען! נארישקייטען! איז דאס דיר נישט מאוס? אנ'אלטער מאן — און זאל גלויבען אין אזוינע באבע־מעשיות. עך, דניאל, דו האסט געזאגט א נארישקייט! איך בין דעה האר. מיך וועט גאט און דאס געוויסען בעשטראפען, אויב זיי זענען נאר פארהאן.

דניאל (א פאטש־טהוענדיג מיט די הענד): בארימהארציגעה הימעל!

פראנץ: אין נאמען פון דיין געהארכזאמקייט — דו פער־שטעהסט דאס ווארט — אין נאמען פון געהארכזאמקייט בעפעהל איך דיר, אז מארגען דארף דער גראף נישט געהערען צו די לע־בעדיגע.

דניאל: רבונו של עולם! פארוואס?

פראנץ: ווייל דו מוזט מיר איינגאנצען פאלגען. זאלסט גע־דענקען, אז איך פאדער פון דיר דאס!

דניאל: פון מיר? גאט זאל זיך דערבארימען! פון מיר! וואס האב איך, אלטער מאן, אייך פאר א שלעכטס געטהון?

פראנץ: דא דארף מען לאנג נישט טראכטען — דיין גורל איז ביי דיר גופא אין די הענד. ווילסטו דיין גאנץ לעבען שמאכטען ביי מיר אין טורמע, וואו דער הונגער וועט דיך צווינגען דיינע אלטע ביינער נאגען, און דער ברענענדיגער דורשט — צו טרינקען דיין

אייגען בלוט? אָדער ווילסטו ליעבערשט אין פריידען דיין ברויט עסען און האָבען אַ רוהיגע עלטער?

דניאל: וואָס, פריץ? פרייד און רוה אין מיין עלטער — און הרג'ענען אַ מענשען?

פראַנץ: ענטפער אויף דער פראַגע!

דניאל: מיינע גרויע האָהר! מיינע גרויע האָהר!

פראַנץ: יאָ אָדער נישט?

דניאל: ניין! דערבאַרים זיך, גאָט, איבער מיר!

פראַנץ: (וויל בלומר'שט אַוועקגעהן) גוט, דאָס וועט דיר צוניץ קומען. (דניאל האַלט איהם אָב און פאַלט פאַר איהם אויף די קניה).

דניאל: האָט רחמנות, פריץ! האָט רחמנות!

פראַנץ: יאָ אָדער נישט?

דניאל: פריצ'ל: איך בין שוין אַלט איין-און-זיעבעציג יאָהר! מיין פאָטער און מוטער האָט איך אָבגעגעבען כבוד, און האָב קיינמאָל קיינעם נישט גענאַרט. איך בין שטענדיג געווען פרום און ערענטליך, און איינער הויז האָב איך ערענטליך אָבגעדיענט פיער-און-פערציג יאָהר און איצט וואַרט איך אויף אַ מנוחה'דיגען סוף! אַך, פריץ! פריץ! (נעהמט אַרום זיינע קניה). און איהר ווילט פאַר מיין טויט אָבנעהמען די לעצטע טרייסט מיינע, אַז דאָס האַרץ מיינס זאָל פרעסען אַ וואָרעם און איך זאָל נישט קאָנען ווי געהעריג תפלה טהון צו גאָט. ניין! ניין! איהר וועט עס נישט טהון! פון אַ זיעבעציג-יעהריגען זקן וועט איהר עס נישט פערלאַנגען!

פראַנץ: יאָ אָדער נישט? צו וואָס פלוידערן?

דניאל: פון איצט-אָן וועל איך אייך אַרבייטען נאָך פלייסיגער. ווי אַ טאָג-אַרבייטער וועל איך אייך אַרבייטען — וועל זיך שפעטער לעגען, פריהער אויפשטעהן... און וועל בעטען פאַר אייך גאָט אין דערפריה און אויף דער נאַכט, און גאָט וועט נישט אָבוואַרפען די תפלות פון אַן אַלטען מאַן.

פראַנץ: געהאָרכזאַמקייט איז בעסער פאַר אַ קרבן. האָסטו ווען געהערט, אַז אַ תלין זאָל זיך קווינקלען, בעת מען דאַרף אויספיהרען דעם פסק-דין?

דניאל: אַדאַי. אָבער דער'הרג'ענען אַן'אונשולדיגען...

פראַנץ: דאַרף איך דיר אָבגעבען אַ חשבון? פרעגט דען דער האַק ביים תלין, פאַרוואָס אַהער דוקא און נישט אַהין? אָבער

יאָה, ווי איך בין געדולדיג! און איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז דו וועסט בעלוינט ווערען פאַר דעם, וואָס דו ביזט מיר מחויב צו טהון!

דניאל: אָבער איך האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל אָפּטהון מיינע אַרבייטען, וועל איך פערבלייבען אַן אָרענטליכער מאַן.

פראַנץ: רייד מיר נישט געגען! איך גיב דיר אַ גאַנצען טאָג אויף צו טראַכטען! בעדאַכט זיך נאָכאַמאָל! גליק און אומגליק... דו הערסט? דו פערשטעהסט? דאָס העכסטע גליק און דאָס שרעקליכסטע אומגליק! אין פייניגען קאָן איך ממש אויפטהון וואונדער!

דניאל (עטוואָס בעדאַכטענדיג זיך): גוט! איך וועל דאָס טהון. מאָרגען וועל איך דאָס טהון. (אָב).

# רטע סצענע.

אין צווייטען צימער אין שלאָס.

## רויבער מאָר פון איין זייט, דניאל פון דער צווייטער.

מאָר: וואו איז דאָס פריילין?

דניאל: פריץ, ערלויבט אַנאָרימען מענשען צו בעטען בייא איך עפּעס.

מאָר: איך ערלויב דיר גערן. וואָס ווילסטו?

דניאל: אַ ביסעל — און אַ סך... ווייניג און אַ סך צו־זאַמען... ערלויבט מיר אַ קוש צו טהון אייער האַנד!

מאָר: ניין, ליעבער אַלטער! (נעהמט איהם אַרום) דו וואָלסט מיך געקאָנט זיין מיינער אַ טאַטע.

דניאל: אייער האַנד, אייער האַנד! איך בעט אייך.

מאָר: ניין! ניין!

דניאל: נישט אַנדערש. (חאַפּט זיין האַנד, בעקוקט זי שנעל און פאַלט פאַר איהם אויף די קניה). ליעבער, טייערער קאַרל!

מאָר (דערשרעקט זיך, ווערט באַלד דרייסטער, טרוקען): פריינד, וואָס רעדסטו אַזוינס? איך פערשטעה דיך נישט!

דניאל: יאָ, לייקענט עס אָב, פערשטעלט זיך! גוט! גוט! אָבער דאָך זענט איהר מיין ליעבער פריץ! גאָט מיינער! אַלט בין איך שוין און האָב דערלעבט צו אַזאַ שמחה. ס'אַ שוטה איך

בין געוועזן, וואָס איך האָב באַלד נישט... האָט איהר זיך, הייסט עס, ווידער אומגעקעהרט אַהיים. — אָבער דער אַלטער גראַף איז שוין טויט... ס'אַרא מין בלינדער אייזעל איך בין געוועזן (טהוט זיך אַ קלאַפּ איבער'ן קאָפּ), וואָס איך האָב באַלד נישט... נאָר ווען האָט עס געקאָנט איינפאַלען? איך האָב גאָט געבעטען וועגען דעם...

מאָר: וואָס רעדט איהר? צי רעדט איהר דאָס נישט פון אַ היץ־קרענק? אָדער צי שפּיעלט איהר דאָ נישט עפּעס אַ טעאַטער־שטיק?

הניאל: פע, מאום! מען טאָר אַזוי נישט לאַכען פון אַנ־אַלטען דיענער! אַט דער קאַרב! געדענקט איהר נאָך? גרויסער גאָט, ס'אַרא שרעק איך האָב עס דעמאָלט געהאַט! איך האָב אייך תמיד אַזוי האָלט געהאַט, און איהר האָט מיר שיער נישט פערשאַפט אַזוינע יסורים. איהר זענט געזעסען ביי מיר אויף די קניה — איהר געדענקט? — דאָרטען, אין דעם קיילעכדיגען צימער... נישט וואָהר? איהר האָט עס, אַפּנים, פערגעסען... און דער קוקו, וואָס איהר האָט אַזוי ליעב געהאַט צו הערען? שטעלט אייך פאָר, דער קוקו איז צובראָכען, אויף פיצלעך צובראָכען... די אַלטע סוסאַנע האָט געקעהרט די שטוב, האָט זי זיך פערטשעפּעט אָן איהם און צובראָכען... יאָ, איהר זענט געזעסען ביי מיר אויפ'ן שויס און האָט, ווי תמיד, אויסגעשריען: נאָ־נאָ! בין איך שוין געלאָפען און געבראַכט אייך דאָס פערדיל. גרויסער גאָט, האָט דאָך דער אַלטער שוטה בעדאַרפט לויפען. קום איך צולויפען, זעה איך — בלוט גיסט, און איהר ליעגט שוין אויף דער פּאָדלאָגע. גאָט אין הימעל! גאָט אין הימעל! איך האָב געמיינט, אַז עמיצער האָט מיך אָבגעגאָסען מיט אַן עמער קאַלט וואַסער! אַט אַזוי טרעפט שטענדיג, אַז מען גיט נישט אַכטונג אויף קליינע קינדער! ווארום וואָס וואָלט געוועזן — אַז איהר וואָלט זיך געטראָפען אין אויג — נאָך גוט, וואָס איהר האָט זיך די האַנד איינגעשניטען, האָטש אַפילו די רעכטע האַנד. מעהר וועל איך שוין קיינמאָל אין לעבען נישט געבען, האָב איך זיך געזאָגט, אַ קינד אין די הענד אַריין אַ מעסער, צי אַ שעהרעלע, בכלל שאַרפע זאַכען. צום גליק איז דער פריץ מיט דער פריצ'טע אוועקגעפאָהרען. ווארום וואָס וואָלט געוועזן, אַז איך וואָלט פערלאָרען דעם אָרט צוליעב דעם? און וואָס וואָלט... נאָר, דאַנקען גאָט, דאָס איז פערהיילט געוואָרען און עס איז נאָר אַ קאַרב פערבליבען.

מאָר: פון דעם אַלעם, וואָס דו רעדסט, פערשטעה איך קיין איין וואָרט נישט.

דניאל: גוט! גוט! וויפיעל מאָל פלעג איך אייך דערלאַנגען שטילערהייה צוקערברויטלעך, ביסקוויט און מאַקאַראָנעס... איך האָב אייך אַלע מאָל זעהר האָלט געהאַט. געדענקט איהר, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט אין שטאַל, בעת איך האָב אייך אַרויסגעזעצט אויף דעם אַלטען פריץ׳ס פערד? „דניאל“, האָט איהר געזאָגט, „לאָמיך נאָר ווערען אַ גרויסער, וועסטו שוין ביי מיר ווערען אַ פערוואַלטער און וועסט פאָהרען מיט מיר אין איין קאַרעט“. יאָ, לאַכט, לאַכט! איהר האָט אַליך פערגעסען! איהר ווילט זיך נישט לאָזען דערקענען פאַר׳ן אַלטען. פונדעסטוועגען אָבער זענט איהר מיין האַר!

מאָר (נעהמט איהם אַרום): יאָ, דניאל, איך וויל מיך נישט מעהר פערשטעלען! איך בין דיין קאַרל, דיין פערלאָרענער קאַרל! וואָס מאַכט מיין אַמאַליע?

דניאל (וויינט): און איך, אַלטער בעל־עבודה׳ניק, זאָל דערלעבען אַט די שמחה! אומזיסט האָט געוויינט דער אַלטער גראַף! איצט קאָנסטו, אַלטער, רוהיג שטאַרבען! מיין פריץ לעבט, איך האָב איהם מיט די אייגענע אויגען געזעהן!

מאָר: און איך וויל האַלטען וואָרט. נעהם דאָס, אַלטער, פאַר׳ן פערד (גיט איהם איבער אַ שווער בייטעלע): איך האָב דיך נישט פערגעסען, אַלטער.

דניאל: ווי? וואָס טהוט איהר? צופיעל — איהר האָט אַ טעות.

מאָר: איך האָב קיין טעות נישט, דניאל (דניאל וויל פאַר איהם אַנידערפאַלען). שטעה אויף! זאָג מיר, וואָס מאַכט אַמאַליע?

דניאל: גאָט האָט מיך בעלוינט! גאָט האָט מיך בעלוינט! אייער אַמאַליע? אָ, זי וועט עס נישט איבערלעבען, זי וועט שטאַרבען פון שמחה.

מאָר (בעלעבט): זי האָט מיך נישט פערגעסען?

דניאל: פערגעסען? וואָס אייך קאָן קומען אויפ׳ן זינען! אייך פערגעסען? איהר האָט בעדאַרפט זיין דערמאָלט דאָ, בעת מען האָט בעקומען די ידיעה, אַז איהר זענט געשטאָרבען. אַזאַ קלאַנג האָט דער פריץ אַרויסגעלאָזט... איהר האָט זי דערמאָלט בעדאַרפט זעהן, ווי זי האָט זיך געמוטשעט!

מאָר: וואָס רעדסטו? מיין ברודער...

דניאל: יא, אייער ברודער... דער פריץ אונזערער... אייער ברודער... א צווייט מאל, אז עס וועט זיין מעהר פרייע צייט, וועל איך אייך מעהר דערצעהלען... אך, ווי העלדיש זי האט זיך אויסגעדרעהט פון איהם, ווען ער פלעגט טאג-טעגליך צושטעהן צו איהר, אז זי זאל ווערען זיין ווייב. א, איך וועל דאס איהר געדענקען! (וויל געהן).

מאר: שטעה! שטעה! זי טאר עס נישט וויסען! קיינער טאר עס נישט וויסען! אפילו מיין ברודער אויך נישט!...

דניאל: אייער ברודער? ניין, ער טאר דערפון נישט וויסען! בשום אופן נישט!... אויב ער וויים שוין נישט מעהר, פיעל ער דארף וויסען... אוי, זאג איך אייך, אז עס זענען פאראן פאדלע מענשען, פאדלע ברידער, פאדלע פריצים. אבער איך וויל פאר קיין געלד נישט זיין קיין פאדלער דיענער ביי מיין פריץ! דער אלטער פריץ האט געמיינט, אז איהר זענט געשטארבען.

מאר: וואס פלוידערסטו דארטען?

דניאל (שטיל): אז מען ווערט אזוי אונגעריכט פון טויט לעבעדיג... אייער ברודער איז געוועזן דער איינציגער יורש ביים געשטארבענעם פריץ...

מאר: אלטער, וואס מורמולסטו צווישען די ציינער? ריידט דייטליכער.

דניאל: בעסער פון הונגער די אייגענע ביינער נאגען און פון דארשט דאס אייגענע בלוט טרינקען, איידער האבען פון כל-טוב דורך הרג'ענען א מענשען (געשווינד אב).

רויבער מאר נאך א לאנגען שווייגען.

מאר: איך בין געוועזן גענארט! גענארט! אזוי ווי א בליץ וואלט בעלויכטען מיין נשמה! גאט אין הימעל! מיינע בריעף האט מען איבערגענומען, אומגעביטען! מען האט מיך פאר'ן אלטען מאוס געמאכט! זיין הארץ איז געוועזן פול ליעבע, און איך דער נאר האב געמיינט... איך האב געקאנט זיין גליקליך! מיין גליק איז דורך אזוינע פאלשקייטען בעגנב'עט געווארען! א, רוצח, מאוס'ער, עקעלהאפטער רוצח!

(פארהאנג).

# פינפטע סצענע.

וואַלד. מיטען נאַכט. רעכטס אַן'אַלטער פערלאָזענער שלאָס. די רויבער ליעגען אויף דער ערד און זינגען.

שניידען, גנב'ענען, פערפאָלגען —
דאָס איז פרעהליך, דאָס איז פיין!
מאָרגען געהן מיר צום גאַלגען,
לאָמיר היינט־זשע לוסטיג זיין!

אַ פרעהליך לעבען האָבען מיר,
אַ לעבען אָהן אַ צאַם,
דער וואַלד איז אונזער נאַכט־קוואַרטיר,
און בראַנפען, וויין אַ ים!

עס גיט דער ווין אונז קראַפט און מוטה,
צו טהון דאָס, וואָס מיר טהוען.
עס שפרינגט אין אונז דאָס הייסע בלוט,
מיר ווייסען נישט פון רוהען.

דאָס קרעכצען פון דעם קינד ביים טויט,
דער יאָמער פון דער מוטער, —
געשמאַקער איז פון האָניג־ברויט,
ס'בעשמירט דאָס האַרץ מיט פוטער.

און אַז מיר זעהען פליסען בלוט,
צווישניטען שוין דער גאָרגעל —
ווערט דאַן אונז זיס און לייכט און גוט,
ווי קלאַנגען פון אַנ'אָרגעל!

דער תלין קומט — דאַן נעהמט אַ סוף,
מען פרעגט שוין דאַן נישט קיינעם,
מען הענגט שוין אונז צוזאַמען אויף —
ס'זאָל פרעהליך זיין איינאיינעם!

שווייצער: שוין נאכט און דער הויפטמאן איז נאך אלץ נישטא.

ראצמאן: און ער האט דאך צוגעזאגט אכט א זייגער צוריקקומען.

שווייצער: צי האט מיט איהם וואס נישט געטראפען... קאמעראדען, מיר פערברענען דעמאלט אלץ, קליינע קינדער וועלען מיר אפילו אויס'הרג'ענען.

שפיגעלבערג (פיהרט אוועק אן א זייט ראצמאנ'ען און רעדט מיט איהם): אויף אייןווארט, ראצמאן.

שווארץ (גרימ'ן): זאלען מיר אפשר שיקען עמיצען דערגעהן?

ראצמאן (שטיל שפיגעלבערג'ן): אנטקעגען וואס זאגסטו דאס? רייד דייטליכער.

שפיגעלבערג: שטילער! שטילער! איך וויים ניט, וואס קאנסטו צי איך האבען פאר א בעגריעף פון פרייהייט, ווען מיר זענען איינגעשפאנט אזוי ווי די אקסען אין וואגען, און דערביי ריידען מיר פון פרייע טהאטען. עס געפעלט מיר נישט.

שווייצער (גרימ'ן): וואס וויל נאך אויפטהון דער ווינד־קאפ?

ראצמאן (שפיגעלבערג'ן): דו רעדסט פון הויפטמאן?

שפיגעלבערג: שטילער! שטילער! ער האט דאך זיינע שפיאנען צווישען אונז! ווער האט איהם געמאכט פאר אונזער הויפטמאן? האט ער דען ניט מיט גוואלד זיך איינגעשאפט דעם טיטעל, וואס אין דער אמת'ן קומט ער גאר מיר! שטעלען מיר דען איין אונזער לעבען אין געפאהר, טראגען מיר דען אונזער גורל בלויז דערפאר, וואס ביי אונז זאל געהאלטען ווערען פאר א גליק צו הייסען קנעכט? קנעכט, בעת מיר קאנען זיין פירשטען! חלעבען, ראצמאן, דאס איז מיר קיינמאל נישט געווען געפעלען.

שווייצער (צו די אנדערע): יא, דו ביזט אין אמת'ן א העלד, דו ביזט א קינסטלער צו ווארפען שטיינער אויף זשאבעם! שוין דער קלאנג פון נאז, בעת ער שנייצט זי, קאן א מענשען דורכטרייבען דורכ'ן לעכעל פון א נאדעל.

שפיגעלבערג (ראצמאנ'ען): ווען דו ביזט נאר אזעלכער, פאר וועלכען איך האלט דיך, ראצמאן! מען וועט זיך איצט נישט דערווארטען אויף איהם... מען וועט איהם האלטען פאר פערלארען... ראצמאן, מיר שיינט, אז קארל'ס לעצטע שעה איז געקומען. געה מיר נאך, איך האב בעמערקט, וואוהין ער איז אוועק. עס טרעפט

זאָלטען, אַז מיט צוויי פּיסטאָלעטען זאָל מען נישט טרעפען. קום — און מיר וועלען איהם שיסען.

ראַצמאַן: אָ, אַשמדאי! וואוהין פערפיהרסטו מיין נשמה?

שווייצער (חאַפּט אַרויס אַ מעסער): אויסוואורף דו! דו דערמאָהנסט מיר אָן דעם בעהמישען וואַלד. האָסטו דען נישט צום ערשטען אָנגעהויבען ציטערן, ווען עס האָבען זיך דערהערט געשרייען, אַז דער פיינד האָט אונז אַרומגערינגעלט? איך האָב נאָך דעמאָלט ביי מיין נשמה געשוואָרען... קראַפּיר, דו פּאָדלער מערדער. (שטעכט איהם).

רויבער: געהרג'עט! געהרג'עט! שווייצער... שפּיגעלבערג! רייסט זיי אָב איינאַנדער!

שווייצער (וואַרפט דעם מעסער אויף שפּיגעלבערג'ן): קראַפּיר! רוהיג, קאַמעראַדען. עס לוינט ניט אונרוהיג צו זיין, צוליעב אזא גאָרנישט. דער אויסוואורף איז שטענדיג געווען געגען אונזער הויפּטמאַן און האָט קיינמאָל קיין איין שניט נישט געהאַט אויף זיין הויט. (מען הערט שיסען).

שוואַרץ: האָרכט זיך צו — אַ שאָס. (מען הערט נאָך איינעם) נאָך אַ שאָס! ע, דאָס איז געוויס דער הויפּטמאַן.

גרים: געדולד! עס מוז זיין אַ דריטער שאָס. (עס הערט זיך נאָך אַ שאָס).

מאָר קומט אַריין.

שווייצער (געהט איהם אַנטקעגען): וואָס מאַכסטו, מיין הויפּטמאַן! בעת דו ביזט נישט געווען, האָב איך מיך עטוואָס צוהיצט. (פיהרט איהם צום טויטען) זיי דו דער ריכטער פון מיר און איהם, ער וואָלט דיך אין דער־שטיל דערהרג'עט.

אַלע (איבערראַשט): וואָס? דעם הויפּטמאַן?

מאָר (וואַרפט אַ בליק אויפ'ן טויטען): די נקמה קומט שטענדיג! איז ער דען נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר דאָס סירענען־ליעד געזונגען! דו האָסט עס דאָך נישט געטהון, שווייצער.

שווייצער: חלעבען, איך האָב עס געטהון. און דאָס איז, דער רוח זאָל דאָס נעהמען, גאָר ניט דאָס שלעכטסטע, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געטהון.

מאָר (פערטראַכט): איך פערשטעה! איך פערשטעה! די בלעטער פאַלען פון די ביימער... און מיין הערבסט איז געקומען... טראָגט איהם אַוועק פון מיינע אויגען. (מען טראָגט אַוועק שפּיעגעלבערג'ן).

אַלע: עס איז שוין האַלבע נאַכט, הויפּטמאַן!

שוואַרץ: מיר ווילען שלאָפען... שוין צוויי דריי טעג, אַז מיר האָבען קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

מאָר: לעגט אייך שלאָפען. מאָרגען פריה געהען מיר ווייטער.

אַלע: אַ גוטע נאַכט, הויפּטמאַן. (זיי לעגען זיך אויף דער ערד און שלאָפען איין).

מאָר: אַלץ איז פינסטער. נישטאָ קיין אויסגאַנג. עס איז שטיל. קיין וועג-ווייזענדער שטערען איז נישטאָ. צו וואָס נוצט דער אידעאַל, וואָס איז שווער צו פערווירקליכען? צו וואָס טויגען די פּלענער, וואָס קאָנען נישט מקוים ווערען — ווען נאָר אַ לייכטער דריק פון אַ פּיסטאָלעט מאַכט גלייך דעם קלוגען מיט דעם נאַר, דעם מוטהיגען מיט דעם פּחדן, דעם איידעלען מיט'ן אויסוואורף. אין דער דאָזיגער הארצלאָזער נאַטור איז אַלץ אַזוי האַרמאָניש; טאָ פאַרוואָס ליעגט אַ דיסאָנאַנס אין דעם שכל'דיגען, אין דעם קלוגען. ניין! ניין! עס איז געווים פאַרהאַן עפּעס גרעסערס, ווארום איך בין נאָך גליקליך נישט געוועזען. (לאָדט אָן דעם פּיסטאָלעט; דערנאָך האַפּט זיך פלוצלונג צוריק) זאָל איך אוים מורא פאַר אַ שווער לעבען — שטאַרבען? זאָל איך דען לאָזען דעם אומגליק איבער מיר זיעגען? ניין, איך וועל ליידען! (וואַרפט אַוועק דעם פּיסטאָלעט) זאָלען זיך די ליידען צובּרעכען אָן מיין שטאָלץ! איך וועל אויסהאַלטען ביז'ן סאַמע סוף! (עס ווערט פינסטערער. מען הערט שלאָגען צוועלף אַזייגער).

(הערמאַן קומט פון וואַלד מיט אַ קאָרב ברויט און נאָך עפּעס).

הערמאַן: דער זייגער האָט שוין אין דאָרף צוועלף גע-שלאָגען. דער אויסוואורף שלאָפט. אין דעם ווילדען אָרט וועט דיך קיינער נישט אונטערהאָרכען. (גיהט צו דעם אַלטען שלאָס און קלאַפּט) קום אַרויס, דו שלים-מזל'דיגער נפש, וואָס דו וואוינסט אין טורם! דיין וועטשערע איז פאַרטיג.

מאָר (מאַכט אַ שריט צוריק): וואָס איז דאָס אַזוינס?

שטימע (פון שלאָס): ווער קלאַפּט עס דאָרט? דאָס ביזטו, הערמאַן, מיין ראַב!

הערמאַן: יאָ, דאָס בין איך, הערמאַן דיין ראַב. קום אַרויס פון שטייג און פרעס!

שטימע: איך בין געוועזען זעהר הונגעריג. אַך דאַנק דיר

פֿאַר ברויט אין מדבר. און וואָס מאַכט מיין ליעבער זוהן, הערמאַן. (עס הערט זיך שנאָרכען).

הערמאַן: שטילער, שטילער! עפּעס אַ געֶרויש, פּונקט ווי מען וואָלט געחראָפּעט. הערסט דו גאָרנישט?

שטימע: ווי, דו הערסט עפּעס?

הערמאַן: דאָס בלאָזט דער ווינט אין די שפּאַלטען פֿון טורם, דאָס איז נאַכט-מוזיק, פֿון וועלכער די ציינע הויבען אָן צו קלאַפּען און די נעגעל ווערען בלוי. הער! ווידער חראָפּעט מען. דו האָסט געזעלשאַפט, אַלטער?

שטימע: זעהסטו עפּעס?

הערמאַן: זיי געזונד! זיי געזונד! אַ שרעקליכער אָרט! (וויל אנטלויפען).

מאָר (פֿערצוימט דעם וועג): שטעה!

הערמאַן (שרייט): אָ, וועה, וועה איז מיר.

מאָר: שטעה! זאָג איך דיר!

הערמאַן: אַנ'אומגליק! אַנ'אומגליק! איצט איז אַלץ פֿערפֿאַלען.

מאָר: שטעה! זאָג מיר, ווער ביזטו און וואָס טהוסטו דאָ? זאָג!

הערמאַן: האָט רחמנות! האָט רחמנות! הערט מיך פֿריהער אויס, איידער איהר ווילט מיך דערהרגענען.

מאָר (ציהט דעם שווערד): וואָס ווערטו מיר זאָגען?

הערמאַן: דאָרט איז אייער לייבליכער פֿאָטער... איך האָב מיך איבער איהם דערבאַרמט... הרג'עט מיך.

מאָר: דאָ ליעגט עפּעס אַ סוד! רייד! איך וויל אַלץ וויסען!

שטימע (פֿון שלאָס): מיט וועמען רעדסטו, הערמאַן?

מאָר: עמיצער איז נאָך דאָרטען דאָ, וואָס טהוט זיך עס? (לויפֿט צו דער טהיר) איז עס אַ געפֿאַנגענער, וואָס איז פֿון מענשען פֿערשטויסען? וועל איך זיינע קייטען צורייסען! אַ שטים! ווידער! וואו איז די טהיר?

הערמאַן: האָט רחמנות, פֿריץ, געהט נישט ווייטער! געהט נישט אויס רחמנות! (פֿערשטעלט איהם דעם וועג).

מאָר: מיט פֿיער שלעסער איז פֿערשלאָסען דער טורם! אַוועק פֿון דאַנען! איך מוז אַלץ ענטדעקען. (הערמאַן לויפֿט אָב, עס בעווייזט זיך די לבנה) צום ערשטען מאָל נעהם איך איצט

צו הילף גנב׳ישקייט. (צוהאקט דעם שלאס און עפענט די טהיר. דער אלטער מאר ערשיינט פון אינוועניג. ער איז מאגער ווי א סקעלעט)

אל. מאר: האט רחמנות איבער אנ׳עלענדען, דערבארמט אייך.

מאר (שפרינגט אב מיט שרעק): מיין פאטערס שטים.

אל. מאר: איך דאנק דיר גאט, עס איז לסוף פארט געקומען די צייט פון מיין בעפרייאונג.

מאר: גייסט פון אלטען מאר, וואס האט געשטערט דיין שלאף אין קבר? אדער אפשר ביזטו געקומען פערענטפערן מיינע ספקות וועגען יענער וועלט? רייד! רייד! איך האב קיין מורא נישט!

אל. מאר: איך בין נישט קיין גייסט, איך לעב! אנ׳עלענדע, אונ׳ברחמנות׳דיג לעבען.

מאר: וואס, דו ביזט נישט בעגראבען געווארען?

אל. מאר: צי בין איך בעגראבען געווארען? דאס הייסט, א געפגר׳טער הונד ליעגט אין דעם סקלעפ פון מיינע עלטערן. און איך פייניג מיך שוין דריי חדשים אין א פינסטערען קעלער, וואוהין עס קאן נישט אריינדרינגען קיין איין שטראהל! וואו עס שרייען ווילדע קראהען און עס וואיען נאכט־פילינען.

מאר: הימעל און ערד! טא ווער האט עס אזוי געטהון מיט דיר?

אל. מאר: פערשילט איהם נישט. דאס האט מיר געטהון מיין זוהן פראנץ.

מאר: פראנץ? פראנץ? א, איביגער חאאס!

אל. מאר: אויב דו ביזט א מענש, אויב דו האסט א מענשליך הארץ, בעפרייער מיינער, וואס איך קען דיך נישט, טא הארך־אויס דעם צער פון א פאטער, וואס זיינע זיהן זענען געוועזען זיין אומגליק.

מאר: אט די ווערטער קאנען אפילו ווילדע חיות ארויסרופען פון זייערע נארעס!

אל. מאר: איך בין געלעגען קראנק. און אז איך האב זיך נאר אנגעפאנגען צו בעסערן, האט מען מיר געבראכט א מענשען, וואס האט מיר דערצעהלט, אז מיין עלטערער זוהן איז געפאלען טויט אין מלחמה. ער האט נאך מיט זיך געבראכט זיין פערבלוטיגטען שווערד, זיין לעצטען זיי־געזונד און שרעקליכע ווערטער, אז מיין קללה האט איהם געטריבען אין דער מלחמה אריין און האט איהם געבראכט צו פערצווייפלונג.

מאָר (הדרעהט זיך אָב): דאָס איז קענטיג.

אַל. מאָר: הער ווייטער. פון אָט דער בשורה האָב איך געחלש'ט. מען האָט מיך שוין אַפנים גערעכענט פאַר טויט, וואָרום אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך שוין געלעגען אין טרונע אָנגעטהון אין תכריכים. האָב איך אָנגעהויבען מיט די פינגער קראַצען דעם צודעק פון דער טרונע. האָט מען איהם אויפגעעפענט. עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט. פאַר מיר איז געשטאַנען מיין זוהן פראַנץ. „הי!“ האָט ער אויסגעשריען מיט אַ מוראדיגען קול: „דו ווילסט אייביג לעבען?“ און דער צודעק פון קאַסטען האָט זיך גלייך ווידער צוגעמאַכט...

מאָר: גענוג! גענוג! שטעהט אויף, איהר קלעצער, איהר איין-גלומפּען, איהר פוילענצער, געפיהללאָזע שלעפער, שטעהט אויף! ווער דען קיינער נישט ערוואַכען? (שיסט איבער די רויבער).

אַלע (הויבען זיך אויף): עי! וואָס איז געשעהן?

מאָר: צי דען האָט אייך אָט די געשיכטע נישט אויפגעריסען פון שלאָף? אפילו דער, וואָס שלאָפט איין אויף אייביג, האָט זיך אויך בעדאַרפט אויפכאַפּען. זעהט דאָ, זעהט, די געזעצען פון דער וועלט זענען געוואָרען אַ מין שפּיעלצייג, דער בונד פון נאַטור איז צוריסען געוואָרען, די אַלטע פיינדשאַפט האָט אויפגעבערענט: אַ זוהן האָט דערהרג'עט זיין אייגענעם פאָטער!

אַלע: וואָס זאָגט דער הויפּטמאַן?

מאָר: ניין, ניט דערהרג'עט. דאָס וואָרט איז צו-שוואַך, דער זוהן האָט זיין פאָטער טויזענדער מאָל גערעדערט, געשטאָכען מיט אָנגעגלאָנגענטע שפּיז, געשונדען, געפייניגט, געריסען. זעהט, זעהט אַלע... אָ, זעהט, קוקט זיך איין. הונגער... קעלט... דורשט... דונקעלקייט... און דאָס איז דאָך מיין פאָטער.

רויבער (רינגלען אַרום דעם אַלטען מאָר): דיין פאָטער! דיין פאָטער!

שווייצער (געהט-צו צו דעם אַלטען מיט דרך-ארץ. פאַלט פאַר איהם אויף די קניה): פאָטער פון מיין הויפּטמאַן, איך קוש דיר די פיס, דו האָסט איבער מיין שווערד צו בעפעהלען. בעפעהל!

מאָר: נקמה! נקמה! נקמה! פאַר דיר, בעליידיגטער, געשענדטער זקן! (ער רייסט אויף זיינע קליידער פון אויבען ביז אַראָב) אַזוי צורייס איך אויף אייביג דעם ברידערליכען בונד! אַזוי פערשילט איך יעדען טראָפּען ברודערליך בלוט פאַר דעם אָפענעם הימעל!

הערט מיך, לבנה און שטערען, הער מיך, הימעל, וואָס דו האָסט אויף זיינע שענדליכע טהאַטען געקוקט! הער מיך, דריי מאָל שרעקליכער גאָט, וועלכער געוועלטיגט איבער אַלעם! דאָ קניה איך, דאָ אין דער פינסטערער נאַכט הויב איך אויף מיינע דריי פינגער און שווער, און זאָל מיך די נאַטור פון איהרע גרעניצען אַרויסשמייסען, אויב איך וועל מיין שבועה נישט האַלטען. איך שווער, נישט צו בעגריסען די ליכטיגקייט פון טאָג, כל-זמן דאָס בלוט פון דעם פּאָמער-מערדער, וועט נישט פערגאָסען זיין, אָט דאָ, פאַר דעם שטיין, און עס וועט טריקענען געגען דער זון!

שוויצער: אָבער וואָס זאָלען מיר טהון?

מאָר: שוויצער, געדענקסטו, ווען דו האָסט אויף צוויי צושפּאָלטען דעם קאָפּ, דעם בעהמישען דראַגונער, דעמאָלט ווען ער האָט מיך געוואָלט האַפּען אויף זיין שווערד, אין איך, כמעט אָהן אָטעם און אַ מידער פון אַ סך אַרבייט, בין געפאַלען אויף די קניה? האָב איך דיר פערזיכערט אַ קעניגליכע בעלוינונג און ביז איצט האָב איך דיר נאָך נישט בעצאָהלט?

שוויצער: דו האָסט טאַקע געשוואָרען דערויף. אָבער לאָז מיך דיך אייביג האַלטען פאַר מיין בעל-חוב.

מאָר: ניין, איצט וויל איך בעצאָהלען! שוויצער, קיין איין מענש איז נאָך נישט אַזוי בעעהרט געוואָרען, ווי דו. נעהם נקמה פאַר מיין פאָטער! (שוויצער שטעהט אויף).

שוויצער: גרויסער הויפּטמאַן. היינט האָסטו מיך צום ערשטען מאָל גרויס געמאַכט. בעפעהל, ווען און וואו זאָל איך איהם דערהרג'ענען!

מאָר: די מינוטען זענען געצעהלטע. דו דאַרפסט שנעל געהן. נעהם דיר די בעסטע פון דער באַנדע און פיהר זיי אין גראַפ'ס שלאָס אַריין. שלעפּ איהם דאָרטען אַרויס פון בעט, ווען ער שלאָפט אָדער ער ליעגט אין די אַרמען פון תאוה, שלעפּ איהם אַרויס פון אונטער'ן טיש, אויב ער וועט זיין שכור! אָבער איך בעפעהל דיר און בעשווער דיר — ברייננ מיר איהם אַ לעבעדיגען. ווען ער וועט ערשיינען פאַר מיר אַ לעבעדיגער, גיב איך דיר פאַר אַ מתנה אַ מיליאָן, וועלכען איך וועל גנב'ענען ביי אַ קיסר, איינשטעלענדיג מיין לעבען אין געפאַהר. אין דו וועסט זיין פריי, ווי לופט. האָסטו מיך פערשטאַנען? טאָ מאַך עס געשווינד.

שוויצער: הויפּטמאַן! דאָ האָסטו מיין האַנד דערויף. אָדער

מיר וועלען קומען מיט איהם אדער מיר ביידע וועלען נישט זיין.
שווייצערים גוטע פערדארבער, קומט! (געהט מיט אנ'אטריאד).

מאר: זאלען זיך די איבעריגע צושפרייטען איבער'ן וואלד.
איך בלייב דא.

(פארהאנג).

# פיערטער אקט.

## ערשטע סצענע.

א צימער אין שלאס.

דניאל קומט אן מיט א לאמטערן און אין א רייזע=טאש.

דניאל: אדיע, מיין ליעב הויז! ווי גוט און ווי זארגלאז מיר האט זיך דא געלעבט פאר מיין בעל=הבית עליו=השלום. ווי לאנג איז אט די שטוב געווען א שוץ פאר יתומים און אלמנות, און איצט האט דיין זוהן געמאכט דערפון א רויבער=נעסט. אדיע, דו טייערער דיל, ווי אפט פלעג איך דיך וואשען! אדיע, זיי געזונד, די אלטער אויווען, מיט א פערביטערטען הארץ נעהמט דער אלטער דניאל פון דיר אבשייד. מיט לעדיגע הענד בין איך אהער געקומען און לעדיג געה איך אוועק פון דאנען. אבער מיין נשמה איז ריין. (ער וויל געהן).

פראנץ קומט אריין אין שלאף=ראק מיט א ליכט אין האנד.

דניאל: רבונו של עולם! דער פריץ געהט! (לעשט אויס די לאמטערנע).

פראנץ: פעררעטען! פעררעטען! רוחות זענען ארויסגעשפרונגען פון זייערע קברים. מתים, וואס זענען לעבעדיג געווארען, שרייען צו מיר: מערדער! מערדער! ווער איז דא?

דניאל (מיט שרעק): זענט איהר עס, גראף? דאס שרייט איהר אזוי שרעקליך און וועקט אויף אלע שלאפענדיגע אין דער שטוב?

פראנץ: שלאפעדיגע? ווער ערלויבט אייך צו שלאפען. שנעל צינד אן פייער! (דניאל אב. עס קומט אריין דער צווייטער דיענער) קיינער זאל נישט וואגען איצט צו שלאפען! דו הערסט? יעדער זאל זיך אויפהויבען און בעוואפענען. לאדט אן דאס געוועהר. האסטו געזעהן, ווי זיי האבען זיך דורכגעטראגען פארביי שלאס?

דיענער: ווער, פריץ?

פראנץ: ווער, שוטה, ווער? אזוי קאלט, אזוי נאריש פרעגסטו: ווער? רוחות און טייוולאנים! ווי שפעט איז שוין איצט?

דיענער: דער נאכט=שומר האט נאר=וואס אויסגערופען „צוויי".

פראַנץ: טאָקע? מיר שיינט, די נאַכט וועט זיך ציהען איוויג. האָסטו נישט געהערט עפּעס אַ געטומעל אין דער נאָהענט? עפּעס אַ נצחונ'דיג געשריי? אַ טופּעריי פון פערד? וואו איז קאַרל, וואו איז דער גראַף?

דיענער: איך ווייס ניט, פריץ!

פראַנץ: וואָס, דו ווייסט ניט? הייסט עס, דו ביזט אויך מיט זיי אין אַ בונט. איך וועל דיר דאָס האַרץ אַרויסרייסען! פערשאָלטען זאָל זיין דיין „איך ווייס נישט“! אַוועק פון דאַנען! גיה רוף דעם פּאַסטאָר.

דיענער: פריץ!

פראַנץ: דו רעדסט נאָך געגען? דו מורמעלסט נאָך? וואָס? אַפילו אַ בעטלער האָט זיך אויך פערשוואָרען געגען מיר. דער הימעל, דער גיהנם — אַלץ, אַלץ האָט זיך פערשוואָרען געגען מיר. (דיענער געהט אָב. ער וואַרפט איהם נאָך זיין שווערד).

דניאל (קומט מיט ליכט): פריץ!

פראַנץ: ניין, איך ציטער נישט, עס איז נאָר געוועזען אַ חלום. די טויטע ערוואַכען נאָך נישט פון זייערע קברים. ווער וואַגט עס צו זאָגען, אַז איך בין בלאַס, אַז איך ציטער? מיר איז אַזוי לייכט, אַזוי גוט.

דניאל: איהר זענט בלאַס, ווי דער טויט, און אייער קול ציטערט.

פראַנץ: ביי מיר איז פיבער. ווען דער פּאַסטאָר וועט קומען, זאָג איהם, אַז ביי מיר איז אַ פיבער.

דניאל: ערלויבט מיר איך צו ברענגען באַלזאַם אויף צוקער.

פראַנץ: ברענג באַלזאַם אויף צוקער! דער פּאַסטאָר וועט נאָך אַזוי גיך נישט קומען. מיין קול איז שוואַך. גיב מיר באַלזאַם!

דניאל: גיט מיר די שליסלען. איך וועל אַראָבגעהן אונטען און וועל נעהמען אין דער שאַפּע...

פראַנץ: ניין! ניין! מען דאַרף נישט! פערבלייב דאָ! אָדער איך וועל געהן צוזאַמען מיט דיר. דו זעהסט דאָך, איך קאָן ניט זיין אַליין. דו פערשטעהסט דאָך, אַז איך קאָן לייכט חלש'ן, אויב איך וועל בלייבען אַליין. וואַרט. עס וועט איבערגעהן. נאָר דו זאָלסט נישט אַוועקגעהן.

דניאל: אָ, איהר זענט ערנסט קראַנק.

פראַנץ: יאָ, געוויס! און די קראַנקהייט צושטערט די גע=

הירען און בעשאַפט שרעקליכע חלומות. אָבער אַ חלום האָט גאָר קיין בעדייטונג נישט, דניאל? דניאל, מיר האָט זיך נאָר־וואָס אַ פרעהליכער חלום געחלומ׳ט. (פאַלט אָהנמעכטיג).

דניאל: גאָט מיינער, וואָס איז מיט איהם? קומט, ראַטעוועט, קאָנראַד... מען וועט נאָך זאָגען, אַז איך האָב איהם געהרג׳עט! גאָט, האָב אויף מיר רחמנות! (טרייסעלט איהם).

פראַנץ (ערוואַכט): אַוועק! אַוועק פון מיר! וואָס טרייסעלסטו מיך אַזוי? העסליכער סקעלעט! די טויטע ערוואַכען נאָך נישט!

דניאל: אָ, גאָט, ער איז משוגע געוואָרען! (הויבט איהם אויף. פויזע).

פראַנץ: וואו בין איך? דאָס ביזטו, דניאל? וואָס האָב איך געזאָגט. נעהם נישט אין אַכט מיינע ווערטער. דאָס איז אַלץ ליגען! עס מעג זיין, וואָס עס וויל. דאָס איז נאָר פון קאָפּ־וועהטאָג... איך האָב זיך ניט גוט אויסגעשלאָפען.

דניאל: איך וועל רופען נאָך הילף! איך וועל שיקען נאָך אַ דאָקטאָר.

פראַנץ: בלייב. זעץ זיך נעבען מיר. אָט דאָ אויפ׳ן דיוואַן. דו ביזט אַ קלוגער, דו ביזט אַ גוטער. הער מיך אויס.

דניאל: נישט איצט. אַנ׳אַנדערש מאָל. איך וועל אייך אַריינלעגען אין בעט. איהר מוזט אויסרוהען.

פראַנץ: ניין, איך בעט דיך, הער מיך גוט אויס און מאַך דערנאָך חוזק פון מיר. האָרך, מיר האָט זיך געחלומ׳ט, אַז נאָכ׳ן באַל בין איך געווען זעהר פרעהליך און בין געלעגען שכור אויפ׳ן גראָז, אין הויף־גאָרטען, און פלוצלונג... נו, פאַרוואָס לאַכסטו ניט פון מיר? איך זאָג דאָך דיר!

דניאל: און פלוצלונג?...

פראַנץ: פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שרעקליכען דונער. איך האָב מיך אויפגעחאַפּט, מיין גאַנצער גוף האָט געציטערט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער גאַנצער האָריזאָנט האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ העליש פייער און עס ברענען בערג, וועלדער, שטעדט. ווי וואַקס אויפ׳ן פייער ווערען זיי צושמאָלצען! אַ שרעקליכער שטורמווינד האָט אָנגעהויבען קעהרען דעם ים, די ערד און די הימלען. פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שרעקליכען קול: „ערד, גיב אָב דיינע טויטע! און אויך דו, ים, גיב אַרויס דיינע טויטע!“ און די ערד האָט זיך צושפּאָלטען און האָט אָנגעהויבען אַרויסצו־

שליידערן זייטען, ריפען, קעפ און ביינער פון די טויטע... און דאס אלץ האט זיך צונויפגעוואקסען אין א מענשליכען קערפער און אוועקגעפלויגען אין מרחק אריין. איך קוק זיך אום. איך זעה, אז איך שטעה שוין נעבען בארג סיני. אויבען און אונטען שטעהען מאסען מענשען און אויפ'ן שפיץ פון בארג זיצען דריי אלטע לייט אויף גאלדענע שטוהלען. און אלץ איז אנטרונען פאר זייער בליק.

דניאל: דאס איז דאך אנ'אמת בילד פונ'ם שרעקליכען יום-הדין אויף יענער וועלט!

פראנץ: יא, א נארישער חלום? דערנאך איז איינער פון די דריי אלטע אויפגעשטאנען, גלאנצענדיג ווי אנ'אויסגעשטערנטע נאכט. אין האנד האט ער געהאלטען אנ'אייזערנעם רינג מיט א שטעמפעל. געהאלטען האט ער דעם רינג צווישען מזרח און מערב און ער האט אויסגעשריען: „אייביג, הייליג, אמת'דיג, נישט-געפעלשט. עס איז נאר דא איין אמת אויף דער וועלט, און גוטע מעשים!" דעמאלט איז אויפגעשטאנען דער צווייטער. אין האנד האט ער געהאלטען א בלישטשענדיגען שפיגעל. געהאלטען האט ער איהם אויך צווישען מערב און מזרח און ער האט אט די ווערטער געזאגט: „אט דאס איז דער שפיגעל פון אמת. ער ברענגט-אום די פערשטעלטע און שלעכטע". איך האב מיך דערשראקען צוזאמען מיט'ן גאנצען פאלק. מיר האבען אין שפיגעל דערזעהן קעפ פון שלאנגען, טיגער'ס, לייבען און לעמפערטען. נאכדעם איז אויפגעשטאנען דער דריטער אלטער מיט אנ'אייזערנער וואגשאל אין האנד; ער האט די אויך געהאלטען צווישען מערב און מזרח און האט הויך אויסגעשריען: קומט נעהנטער צו מיר, איהר קינדער פון אדם'ן! איך וועל אבוועגען די מחשבות אייערע אין דער שאל פון מיין כעס, און די מעשים אייערע מיט דעם געוויכט פון מיין גרימצארן.

דניאל: גאט, האב רחמנות!

פראנץ: בלאס, ווי דער טויט, זענען מיר אלע געשטאנען. אין שרעק האט ביי יעדען פון אונז געקלאפט דאס הארץ. מיר האבען שרעקליכעס ערווארט. פלוצלונג הער איך מיין נאמען אויסרופען אין דעם געדויש. א קעלט איז דורך מיינע ביינער דורכגעלאפען, עס האט מיר געקלאפט א צאהן אן א צאהן. די וואג האט געקלונגען, די פעלזען-שטיינער האבען גענומען דונערן און די שעה'ן האבען זיך געצויגען איינס נאך דאס אנדערע נעבען דער הענגעדיגער

וואַשאָל, און יעדע שעה האָט אַריינגעוואָרפען אין דער שאָל אַ גיהנם=זינד.

דניאל: זאָל זיך גאָט אויף אייך דערבאַרמען.

פראַנץ: דאָס האָט ער נישט געטהון. די שאָל האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען ביז'ן הימעל אַריין און די צווייטע שאָל, פול מיט אויסקויפונגס=בלוט האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקעלט אין דער לופטען. לסוף קומט אַן אַלטער מאַן, דערשלאָגען פון נויט מיט אויסגעטריקענטע הענד. אַלע האָבען זיך מיט שרעק פון איהם אָבגעקעהרט. נאָר איך האָב אָט דעם אַלטען דערקענט. דאָס איז געווען מיין פאָטער. ער האָט אָבגעשניטען עטליכע זילבער=ווייסע לאָקען האָאר און האָט עס אַריינגעוואָרפען אין דער שאָל פון זינד. די שאָל איז גלייך אַראָב אין אָבגרונד און די צחויטע שאָל פון אויסקויפונג האָט זיך אויפגעהויבען צום הימעל. און איך האָב דערהערט אַ שטים שאַלענדיג פון די רויכיגע פעלזען: „מחילה פאַר יעדען זינדיגען אויף דער ערד, אָבער דו אַליין ביזט פערשאָלטען. (פויזע) נו, פאַרוואָס לאַכסטו ניט?

דניאל: ווי קאָן איך לאַכען, בעת איך ציטער מיט'ן גאַנצען לייב. אַ חלום איז פון גאָט.

פראַנץ: ניין, זאָג דאָס נישט. רוף מיך נאַר, משוגע'נער, דולער=מוח. אָבער, טייערער דניאל, מאַך פון מיר חוזק!

דניאל: אַ חלום קומט פון גאָט. איך וועל פאַר אייך גאָט בעטען.

פראַנץ: דו זאָגסט אַ ליגען, זאָג איך! אַוועק. לויף שנעל, זעה וואו איז דער פּאַסטאָר, זאָג איהם, ער זאָל צואײַלען. אָבער דו לייגסט פונדעסטוועגען! הערסטו?

דניאל: גאָט זאָל אייך מוחל זיין. (געהט אָב).

פראַנץ: דאָס איז די חכמה און די פּתדנות פון המון. עס איז נאָך נישט בעשטימט, צי עס איז פאַרביי געגאַנגען דאָס פערגאַנגענע און צי הערשט גאָט איבער די שטערען... הם... הם... ווער האָט עס מיר דאָך גורם געווען? איז דאָס מעגליך, אַז אין הימעל איז מען זיך נוקם פאַר אַלע זינד, וואָס דער מענש בעגעהט? ניין! ניין! יאָ! יאָ! אין מיינע אויערן קלינגען שטענדיג אָב די ווערטער: פאַרהאַן אַ בית=דין אויפ'ן הימעל. און היינט וועל איך פאַר דעם בית=דין של מעלה שטעהן. ניין... ניין... תהו ובהו איז דאָרטען, אויבען, איבער די שטערען. נאָר ווי איז, אַז דאָרטען איז

פאָרט אַנדערש, ווי איך שטעל מיר פאָר... נאָר ניין! ניין! עס קאָן אַנדערש ניט זיין! איך וויל נישט, עס זאָל זיין אַנדערש. אָבער ווען עס איז פאָרט אַנדערש? אָ, דאָס וועט זיין שרעקליך, ווען אַלע מיינע עבירות וועלען צוגעצעהלט ווערען אין דער נאַכט. אָבער פאַר־וואָס ציטער איך? שטאַרבען! נו, פאַרוואָס שרעקט מיך אַזוי דאָס וואָרט? איך וועל דאַרפען דין וחשבון אָבגעבען פאַר דעם, וואָס זיצט אויפ'ן הימעל, און ווען ער איז דורכאויס גערעכטיגקייט — פאַרוואָס האָט ער נישט געהערט דאָס זיפצען פון יתומים און אַלמנות, פון אונטערדריקטע און געפּלאָגטע, און פאַרוואָס האָב איך טריאומפירט. (עס הערט זיך אַ גערויש).

עס קומט אַריין אַ דיענער.

דיענער: אַמאַליע איז אַנטלאָפען! דער גראַף איז פּלוצלונג פערשוואונדען!

דניאל קומט אַריין אַ דערשראָקענער.

דניאל: פּריץ מיינער! זעהר פיעל רייטער שטייגען אַראָב פון די בערג און שרייען: „טויט", „טויט". דאָס גאַנצע דאָרף איז אויפגערעגט.

פראַנץ: געה הייס קלינגען אין אַלע גלאָקען. זאָלען אַלע אויף די קניה פאַלען און תפלה טהון פאַר מיר. אַלע געפאַנגענע זאָלסטו בעפרייען, און די אָרימע וועל איך אומקעהרען אין צוויי מאָל, אין דריי מאָל אַזוי פיעל. איך וועל... נו, פאַרוואָס געהסטו נישט? געה נאָכ'ן פאַסטאָר. איך וויל מיר פאַר איהם מתודה זיין. דו געהסט נאָך אַלץ נישט? (דאָס גערויש הערט זיך אַלץ).

דניאל: גאָט, זיי מיר מוחל מיינע שווערע זינד. לערן מיך בעסער, וואָס זאָל איך טהון. איהר האָט דאָך אַלע תפלות פעריאָגט פון שטוב. אַז איך פלעג דאַווענען, פלעגט איהר מיר וואַרפען מיט'ן הייליגען בוך אין קאָפּ אַריין.

פראַנץ: דערמאָהן מיר דאָס נישט. שטאַרבען? זעהסטו, שטאַרבען! באַלד וועט זיין שפּעט. טהו תפלה פאַר מיר! טהו תפלה!

דניאל: איך האָב דאָך אייך שטענדיג געזאָגט: איהר האָט פעראַכט תפלות, זעהט איהר? איהר האָט געלאַכט פון מיר? דאָ האָט איהר עס... נו, זעהט איהר שוין?

פראַנץ (נעהמט איהם אַרום): זיי מיר מוחל, מיין טייערער גוטער דניאל. זיי מיר מוחל... איך וועל דיך קליידען פון קאָפּ ביז די פיס. טהו תפלה, בעט גאָט... איך וועל דיך אָבגילטען, איך

וועל... נו, בעט גאָט פאַר מיר. אויף די קניה בעט איך דיך...
נו, בעט-זשע שוין גאָט, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין.
(דרויסען איז אַ געפילדער, אַ מהומה).

שווייצער (אויפ'ן גאַס): שניידט, שלאָגט, ברענט! איך וועה ליכט! ער איז געווים דאָרטען.

פראַניק (אויף די קניה): הער מיך, בורא עולם, אַניערשט מאָל בעט איך דיך און מסתמא אַ לעצט מאָל. האָב רחמנות מיט מיר!

דניאל: וואָס איז מיט אייך? אייער תפלה איז ענליך אויף גאָט-לעסטערונג. (דער עולם לויפט פון אַלע זייטען).

דער עולם: גנבים! גזלנים! וואָס איז דאָס פאַר אַ געשרייען אין מיטען דער נאַכט?

דניאל: האָב רחמנות, גרויסער גאָט, אויף איהם. אויך אין זיינע תפלות זינדיגט ער.

גרים (אין דרויסען): פייער גיט אַהער! איך וועל איהם אונטערצינדען זיינע פאַלאַצען!

(עס פליהען שטיינער אין די פענסטער. די שויבען ווערען צוטרייסעלט).

פראַניק: איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פשוט'ער רוצח! בעשעפער, מיט קלייניגקייטען האָב איך מיך קיינמאָל נישט בעשעפטיגט!

דניאל: רבונו של עולם! זיי איהם מוחל! אפילו אין זיין געבעט איז ער זינדיג.

פראַניק: ניין, איך קאָן נישט בעטען. דאָ! דאָ! (ווייזט אויפ'ן האַרצען) איז אַזוי וויסט, אַזוי פוסט! ניין, איך וויל נישט תפלה טהון! איך וויל נישט, מען זאָל אויפ'ן הימעל טריאומפירען איבער מיר! איך וויל נישט, אַז די רוחות פון גיהנם זאָלען חוזק'ן איבער מיר.

דניאל: אָ, העלף אונז גאָט! דער גאַנצער שלאָס ברענט!

פראַניק: נעהם שנעל דעם שווערד און לעכער מיר דורך דאָס האַרץ. איך וויל נישט, אַז די דאָזיגע חברה-לייט זאָלען לאַכען פון מיר.

דניאל: זאָל מיך גאָט שומר ומציל זיין! איך האָב קיינמאָל קיין מענשען נישט עקספעדירט אפילו אין גן-עדן אַריין — בפרט נאָך עקספעדירען אין... (לויפט אָב).

פראַנץ (קוקט איהם נאָך): אין גיהנם האָסטו געוואָלט זאָגען. דו ביזט גערעכט. איך פיהל טאַקע עפּעס. (משוגע) זאָלען דאָס זיין זייערע קלינגענדיגע שטימען? איך הער אַ שרעקליך זשומען פון שלאַנגען. זיי דערנעהנטערען זיך... זיי בעלאַגערען די טהיר. פאַרוואָס שרעק איך מיך אַזוי פאַר'ן בלויזען שווערד. די טהיר קראַכט. זי פאַלט איין. עס איז גישטאָ קיין רעטונג. אָ, דערבאַרם זיך איבער מיר. (רייסט אָפּ דעם גאָלדענעם שנור פון'ם הוט און פערשטיקט זיך מיט איהם).

שווייצער גרים

שווייצער: וואו ביזטו, קאַנאַליע? האָט איהר געזעהן, ווי אַלע זענען זיך צולאָפען? אָבער ווי ווייניג פריינד ער האָט! נאָר וואוהין איז דער וואוילער יונג פערקראָכען?

גרים (בעמערקענדיג): זעה, וואָס וואַלגערט זיך דאָ? לייכט נאָר צו!

שוואַרץ: דאָס האָט ער פערחאַפּט פריהער. דאָס וואַלגערט ער זיך ווי אַ דערשטיקטע קאַץ.

שווייצער: וואָס, ער איז טויט? און נישט איך האָב איהם געהרג'עט! איהר זאָגט אַ ליגען! איהר וועט זעהן, ווי ער וועט גלייך אויפשפּרינגען! (טרייסעלט איהם) שטעה אויף, הער נאָר, דיין פאָטער לעבט נאָך, דו האָסט נאָך וועמען צו דערהרג'ענען!

גרים: אומזיסט דיין אַרבייט, דו זעהסט דאָך, ער איז טויט!

שווייצער: יאָ, ער פרעהט זיך ניט איצט... הייסט עס, אַז ער איז טויט. געהט זאָגט דעם הויפּטמאַן, אַז ער איז טויט. מיך אָבער וועט איהר שוין מעהר נישט זעהן. (שיסט זיך).

(פאָרהאַנג).

---

## צווייטע סצענע.

אל=מאָר זיצט אויף אַ שטיין, דערזעלבער אָרט. קאַרל שטעהט אַנטקעגען איהם. רויבער אין וואַלד. שווייצערס טייל מערדער טרעטען אויף מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ.

קאַרל: אָ, גאָט. (קעהרט זיך אָפּ פון זיי. בעמיהט זיך צו פערבאָרגען. זיי געהען פאַרביי איהם. שטעלען זיך אָפּ. פויזע).

גרים: הויפּטמאַן. (קאַרל מאַכט ענטפערט ניט און וויל זיך אַלץ בעהאַלטען).

שוואַרץ: טייערער הויפטמאַן.

גרים: מיר זענען נישט שולדיג, הויפטמאַן.

קאַרל: ווער זענט איהר?

גרים: דו קוקסט ניט אויף אונז? מיר זענען דאָך דיינע בעסטע און טרייסטע פריינד.

קאַרל: וועה צו אייך, אויב אויך איצט זענט איהר מיר טריי געוועזן.

גרים: מיר ברענגען דיר דעם לעצטען זיי־געזונד פון דיין טרייען קנעכט שווייצער. ער וועט זיך שוין ניט צוריקקעהרען.

קאַרל: ווי? אפנים איהר האָט איהם נישט געפינען.

שוואַרץ: מיר האָבען איהם יאָ געפינען. אָבער ער איז שוין געוועזן טויט.

קאַרל (מיט פרייד): איך דאַנק דיר גאָט, נעהמט מיך אַרום מיינע קינדער. רחמנות וועט פון איצט אָן זיין אונזער לאָזונג. אז איך האָב דאָס געקאָנט איבערלעבען, וועל איך שוין אַלץ איבערלעבען.

עס קומען זיך צונויף די רויבער מיט אַמאַליען.

רויבער: אורא! אורא! מיר האָבען געפאַקט! געפאַקט!

אַמאַליע (מיט צולאָזטע האָהר): זיי זאָגען, אַז די טויטע זענען לעבעדיג געוואָרען! וואָס, מיין פעטער לעבט... אין אָט דעם וואַלד... וואו ביזטו, קאַרל, פעטער מיינער! (פאַלט אויף דעם אַלטען).

אַל. מאָר: אַמאַליע, טאָכטער מיינע, אַמאַליע. (האַלזט זי).

קאַרל: ווער האָט געבראַכט דאָס בילד פאַר מיינע אויגען?

אַמאַליע (האַלזט זיך מיט קאַרל'ן): ער איז מיינער. אָ, גרויסער גאָט, ער איז ווידער מיט מיר!

קאַרל (אויסרייסענדיג זיך פון איהר): לויפט, מיין ערגסטער פיינד האָט מיך פעררעטען!

אַמאַליע: פריינד מיינער! חתן מיינער! פון גליק ביזטו אריינגעפאַלען אין היץ! פאַרוואָס בין איך אַזוי קאַלט און מאַכט לאָז ביי דער שמחה?

אַל. מאָר: אַ חתן? טאָכטער מיינע, וועלכער חתן?

אַמאַליע: יאָ. איך בין זיין כלה, אויף אייביג! אָ, הימעל, מאַך שטילער מיין שטורמישע שמחה. דאָס גליק שטיקט מיך.

קאַרל: אַוועק פון מיינע אָרעמס! דערהרגעט, דערהרגעט

איהם, זי, מיך, זיך, אלץ. פערשאלטען זאל ווערען די גאנצע וועלט! (וויל אנטלויפען).

אמאליע: וואוהין? וואס איז? ליעבע, גליק, אייביגקייט — אלץ איז אונזערע. און דו אנטלויפסט גאר!

קארל: פערפאלען, אומזיסט, שפעט! שטארב, אמאליע, שטארב, פאטער. די, וואס האבען דיך געראטעט, זענען גזלנים, רוצחים און זייער הויפטמאן איז דיין זוהן קארל. (דער אלטער שטארבט. אמאליע בלייבט שטעהן ווי א סטאטוע) אלע וויינען: די מלאכים און די בייזע רוחות וויינען אויך. וויינט איהר אויך. וויינט, איהר זענט דאך אזוי גליקליך. א, אמאליע! אמאליע! (וויל געהן).

א רויבער (שפרינגט אויף פאראויס, אנ'אויפגערעגטער): האלט פערדעטער. צוגעדם דיינע הענד, ווארום איך דארף דיר נאר איין ווארט זאגען, וועט עס דיר לאנג קלינגען אין דיינע אויערן.

אנ'אלטער רויבער: דערמאהן זיך אין די בעהמישע וועלדער, דו הערסט? דו קווענקעלסט נאך? א, דערמאהן זיך אן אונזערע בעהמישע וועלדער! פערדעטער, וואו איז דיין שבועה? צי דען ווערען די וואונדען אזוי שנעל פערהיילט.

א צווייטער רויבער: געה מיט אונז — א קרבן פאר א קרבן! אמאליע, קום מיט אונז.

קארל: אלץ איז געענדיגט. איך האב געוואלט זיך אומקעהרען צו מיין פאטער, פערבעסערן זיך, אבער גאט וויל דאס נישט, ער בעדארף מיך נישט. איך בין איהם נישט נויטיג. קומט, ברידער!

אמאליע: האלט! האלט! איין קלאפ, איין טויט-קלאפ... ווידער בין איך א פערלאזענע. נעהם ארויס דיין שווערד... האב רחמנות אויף מיר.

קארל: דאס גאנצע רחמנות האב איך איבערגעלאזט ביי ווילדע חיות. איך וועל דיך נישט הרג'ענען.

אמאליע (פאלט אויף די קניה): האב רחמנות, דערהרג'ע מיך! איך פערלאנג נישט מעהר קיין ליעבע פון דיר, איך וויים דאך, אז מיר זענען אויף אייביג צושיידט דורכ'ן מזל. אבער גיב מיר דעם טויט! דיר איז דאך אזוי לייכט צו דערהרג'ענען א מענשען! דו ביזט דאך א קינסטלער אין הריגות! ציה ארויס דיין שווערד — און איך בין געראטעוועט!

קארל: דו ווילסט נאר אליין זיין גליקליך! אוועק, איך מוז נישט קיין פרויען!

אמאליע: וואס, מערדער! דו הרגעסט נאר די גליקליכע און אומגליקליכע שאנעוועסטו? האט איהר אויף מיר רחמנות, חברים-גזלנים! אין אייערע אויגען זעה איך א בלוטדורשטיג רחמנות, אויף וועלכען דער עלענדער קאן האפען. אייער הויפטמאן איז א פחדן און א בעריהמער!

קארל: וואס האסטו געזאגט?

אמאליע: קיין איין פריינד איז נישטא! אפילו צווישען זיי האב איך קיין איין פריינד נישט! (וויל אוועקגעהן. איין רויבער ציעלט אין איהר).

קארל: אוועק! ביזט עס נישט זוכה! מאר וועט אליין דער-הרגענען זיין כלה! (דערהרגעט זי).

אלע: הויפטמאן! הויפטמאן! וואס האסטו געטהון! ביזטו נישט משוגע?

קארל: זי איז טויט. נאך א ציטער, און אלץ איז געענדיגט. נו, זעהט, וואס ווילט איהר נאך פון מיר? איהר האט זיך פאר מיר מקריב געווען, איינגעשטעלט דאס לעבען, וואס געהערט גאר ניט אייך און וואס איז פיל מיט שאנד און שלעכטע מעשים. און איך האב דערפאר א מלאך דערהרגעט! נו, זייט איהר איצט שוין צופרידען?

גרים: דו האסט בעצאהלט דיין חוב מיט פראצענט... דו האסט געטהון דאס, וואס קיין איין מענש אין דער וועלט וואלט עס נישט געטהון פאר זיין כבוד וועגען! קום איצט ווייטער.

קארל: ווארט! נאך איין ווארט פאר'ן געהן. הערט נאר אוים. פון אט דער מינוט אן בין איך ניט מעהר אייער הויפטמאן. מיט שרעק און מיט בושה ווארף איך אוועק די בלוטיגע פאהן, אונטער וועלכער איהר האט זינד און מערדעריי בעגאנגען. געהט אייך, וואוהין איהר ווילט, צווישען אונז איז מעהר גארנישט ניט פארהאן.

אלע: פחדן! וואו זענען איצט דיינע וועלטענע פלאנען! צי זענען זיי נישט געווען א זייפענבלאז, וואס האט געפלאצט ביי דעם ערשטען אטעם פון א פרוי!

קארל: איך האב געמיינט, אז איך וועל מיר אויסבעסערן די וועלט מיט מיינע שלעכטע מעשים און אונטערהאלטען די געזעצן

מיט אונגעזעצליכקייט. ביי מיר איז דאס געוועזן אי יושר, אי נקמה! אבער דער, וואס ווערט פערדארבען, קאן זיך נישט אויסבעסערן.

אלע: נעהמט צו ביי איהם דעם שווערד. ער וויל זיך דער־שטעכען.

קארל: נאראנים, בלינדע אונוויסענדע מענשען, איהר מיינט, אז איין גרויסע עבירה וועט אויסקויפען די צווייטע? איהר מיינט, אז די הארמאניע פון דער נאטור וועט צושטערט ווערען דורך אט דעם שרעקליכען דיסאנאנס? זאל מען מיך פאנגען א לעבעדיגען. איך וועל אליין געהן זיך איבערגעבען אין די הענד פון געריכט.

אלע: בינדט איהם! ער איז משוגע!

קארל (נאכדענקענדיג א ווײַלע): יא, איך געדענק, איך האב אמאל גערעדט מיט א קבצן — א טאג־ארבייטער, וואס האט געהאט עלף נפשות קינדער. טויזענד לואידאר'ס זענען צוגעזאגט דעם, וואס וועט ברענגען א לעבעדיגען דעם גרויסען מערדער! אט דעם מענשען דארף מען פערהעלפען! (אב).

(פארהאנג).